STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02600

YUDIS

Miriam Karpilove

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרים קאַרפּילאָוו

יהודית

א געשיכטע פון ליעבע און ליידען

פערלאג : מייזעל עט קא.
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.
1911.

Copyright, 1910, by
Maisel & Co., New York.

יהודית.

א נאָטיץ.

ענדע מאי פון יאהר 1909 האָבען די צייטונגען בעריכטעט א פאל פון זעלבסטמאָרד, בעגאנגען דורך א רעוואָלווער־שוס, אין א פערוואָרפען ווינקעל אין צענטראל פארק, פון א יונגען מאן, אונ־געפעהר דרייסיג יאָהר אלט.

אין טאש פון זיין ראָק האָט מען געפונען א וויזיט־קארטע, אויף וועלכער עס איז געשטאנען דער נאָמען י ו ס ף ג אָ ל ד־ש מ י ע ד און דער אדרעס פון א גאס אין הארלעם.

אן אונטערזוכונג האָט פעסטגעשטעלט דעם פאקט, אז דער זעלבסטמערדער איז געווען א יודישער אינטעליגענט פון רייכע עלטערן אין רוסלאנד, וועלכער איז מיט א קורצער צייט צוריק גע־קומען נאָך ניו יאָרק צו פערפאָלגען א זשורנאליסטישע קאריערע. צווישען זיינע פאפירען האָט מען געפונען א פאק בריעף, אדרע־סירט צו איהם אין רוסלאנד, אלע קענטיג געשריבען אין איין האנד־שריפט פון א פרויענס פערזאָן. דיעזע בריעף ווערען איצט איבער־געגעבען אין דער עפענטליכקייט — ערפיעלענדיג דערמיט די צוואה פון געשטאָרבענעם, וואָס האָט אין א פאָר ריהרענדע ציילען אויס־געדריקט זיין וואונש אויפצוריכטען פון די דאָזיגע בריעף אן איי־ביגע מצבה צום אנדענקען פון אן אונשולדיג־צעבראָכענעם פרויען־הארץ.

1.

אפריל 13, 1904.

צו מיין געליעבטען יוסף.

שרייבען — נעהמען און פערקערפערן געדאנקען און געפיהלען אין בוכשטאבען און ווערטער! ווי שווער עס איז אלץ וואס פילט אַן דיין נשמה, דורך ווערטער אין בריעף אויסצודריקען! אָבער, ווי גוט, יוסף, דו דריקסט עס אוים!

ווען דו וואָלסט דערפאר געזעהן, ווי גוט איך האָב דיין בריעף געלעזען, וואָלסטו נאָך הייסער ליעב געהאט דיין „שטאָלצע, שטרענגע קעניגין“, און וואָלסט איהר אין גאנצען פערגעבען, פאר וואס איהר הארץ צו געווינען האָט דיר אזוי פיעל צייט (?) גענומען...

„איך געהער ניט זיך. מיין נשמה, מיין גאנצער איך בעלאנגט צו דיר. און מעג איך ריידען וויפיעל איך וויל פון זיך — איך בין ניטאָ. ניטאָ, ווען איך טראַכט פון דיר, מיין גליק!“ וואס פאר ליעבע ווערטער, מיין יוסף! און ווי גערן איך אליין שרייב זיך אונטער זיי אונטער!..

קיינער ווייס דאָ ניט פון מיין גליק. איך האָב עס בעהאלטען טיעף אין הארצען. איך וועל ניט לאָזען צוזאמענמישען אונזער ליעבע מיט די אנדערע ליעבעס אין אונזער שטעדטיל, וועגען וועלכע אלע וויסען און אלע ריידען. ווי אומגליקליך איז יענער, וועלכער האָט ניט וואס צו בעהאלטען! אַן ארימאן איז ער...

איך קען ניט, ווי דו מיר, דיר אויסשרייבען, וואס איך האָב געפיהלט, ווען מיר האָבען זיך געזעגנט. אָבער איך וועל יענע מינוטען קיינמאָל, קיינמאָל ניט פערגעסען. און ווי גיך די צייט איז אריבער! אָט ערשט, דאכט זיך, קומט אריין צו אונז אראָן און זאָגט, אז זיין בעסטער קוזין קומט צו פאָהרען אויף זיין שוועס־

טער׳ס חתונה. אלע דריקען אוים אונגעדולד דיך צו זעהן, ווייל מען האָט שוין וועגען דיר אזוי פיעל געהערט. עס קומט דער אָבענד פון דער חתונה — דו ביזט ניטאָ. פלוצלונג קומט א טעלעגראַמע: זיך פערשפעטיגט אביסעל, אָבער דו קומסט! מיין הארץ הויבט אָן שטארק צו קלאפּען און איך פרעג זיך: וואָס האָט דער גאסט צו טהאָן מיט מ י י ן הארץ?..

ווען דו ביזט אריין, זיינען אלעמענס אויגען געווען געריכטעט אויף דיר. דו האָסט אויף אונז איין קוק געטהאָן מיט האלב צוגע־מאכטע, לאכעדיגע אויגען, וועלכע האָבען עפּעס ווי גע־זוכט אימיצען. מ י ך האָסטו געזוכט. א י צ ט ווייסען מיר דאָס. דיין הארץ האָט געגעבען דיין אויג דעם אדרעס אין יענער ריכ־טונג וואו איך בין געשטאנען. אויף מיר האָט זיך אָבגעשטעלט דיין בליק מיט א מין פערוואונדערונג. מען האָט אונז פאָרגעשטעלט איינער פאר דעם אנדערן. אונזער „אינטעליגענציע" האָט זיך באלד ארומגעקליבען און עס האָט זיך פערפיהרט א מונטערער געשפּרעך. די אקושאָרקע בעקלאגט זיך פאר דיר אויף די פערשלאָפענקייט פון אונזער שטעדטיל. די לעהרערקע — וואָס עס פעהלט א גרו־פּע צו לערנען פּאָליטישע עקאָנאָמיע. לעהרער בערמאן — ווארום מען פערנאכלעסיגט צו לערנען העברעאיש. אויסהערענדיג אלעמען, בעמערקסט דו, אז עפּעס איז דאָ ביי אונז אזא ל י ע ב ע אטמאָספערע, און הויבסט אָן ריידען וועגען נייע ריכטונגען און שטרעבונגען, וועגען דער נאציאָנאלער פראגע.

דיין שטימע האָט אזוי ווייך, שטארק און ווארים געקלונגען. זי איז געקראָכען אין די פערבאָרגענסטע ווינקעלאך פון הארצען, און איך האָב געפיהלט פון דיינע רייד די גאנצע געפאהר פון דער אידישער לאגע, און די דרינגענדע נויט זיך צו נעהמען פאר פראק־טישע ארבייט.

ווען דער געשפּרעך האָט זיך געענדיגט, ביזטו צוגעגאנגען צום פענסטער וואו איך בין געשטאנען און מיר האָבען ביידע ארוים־געקוקט אין גאס, וואו די לעצטע גרינגע שנעהעלעך זיינען געפאלען און אויסגעלאָשען געוואָרען, ווי די פייערלעך אין די ארומיגע חיי־

זער. אונזערע אויגען בעגעגענען זיך און מיר דריקען שטום איי־
נער דעם אנדערן די האנד צום אבשיעד.

אין א פאר טעג ארום האט אראן'ס מיטטהיילונג וועגען דיין
שנעלען אבפאהרען אוועקגענומען דעם גליקליכען שמייכעל פון מיי־
נע ליפען. דו האסט עס גוט בעמערקט, און — שלעכטער! דו ביזט
צופריעדען געווען דערפון — דו האסט געזאגט, אז דו וואלסט
פיליכט דא לענגער פערבליעבען, ווען...ווען דא וואלט מעגליך
געווען אין א קורצער צייט צו ארגאניזירען א גרופע.

— „ווי שנעל קענען דא נעהמען אזעלכע זאכען?" האסטו
געפרעגט.

— „אז מען זאל זיך דערצו ענערגיש נעהמען — האב איך
לאנגזאם אנגעפאנגען — וועט עס שנעלער צוגעהן." טיעף אין
הארצען האב איך געוואונשען, אז די ארבייט זאל דא צוגעהן לאנג־
זאם, זעהר לאנגזאם...

— „וואלט איהר מיטווירקען עס זאל שנעלער צוגעהן?"

— „אה, איך בין ניט פון די גרויסע טוערינס..." האב איך
געענטפערט.

— „וואס מיינט איהר: „גרויסע טוערינס?"

— „אזעלכע וואס קענען טהאן, ניט נור טראכטען".

— „די ארבייט צוטיילט זיך: וואס איינינע פערטראכטען,
פיהרען אנדערע דורך".

— „נו, דערויף דארף מען שוין זיין גאר פון די גרויסע טראכ־
טער".

„גרויסע טראכטער" — רעדסטו איבער פאר זיך. אראן געהט
ארויס פון צימער. איך פיהל מעהר ווי פריהער דיינע אויגען אויף
מיר. דיין קוק ווארימט מיך, בעלויכט, מאכט מיר שטאלץ און
עפעס אונרוהיג...

— „וואס פאר א שטרענגען פראפיל איהר האט", זאגסטו
שטיל. „איהר זייט עהנליך צו יודיטה, וועלכע האט ארא־בגעהאקט
דעם קאפ פון אלאפערנוס. וואלט איהר געווען אימשטאנד צו
טהאן אזא זאך?"

— „אום צו רעטען מיין פאָלק — יאַ“.

דו האָסט געזאָגט, אז דו פיהלסט אין דער מינוט ווי אראָב־לאָזען זיך אויף די קניה פאר מיר, אז איך זעה אוים ווי א הייליגע און... ווי אונערוואַרטעט דו האָסט מיך גענומען קושען!

די קושען האָבען פערזיעגעלט דעם צובונד פון צוויי הערצער, און פון דאַן אָן „געהער איך ניט זיך, ווען איך טראַכט פון דיר, מיין גליק...“

דיין יהודית.

2.

אפריל 15.

מיין יוסף, ווי שטארק וואָלט איך איצט וועלען זיין נעבען דיר! איך וואָלט נעהמען דיין הייסען קאָפּ אין מיינע הענד און דיך בעטען זיך בערוהיגען: דיינע עלטערן וועלען דיר מיט געוואַלד ניט אָנבינדען קיין קאַריערע, און אויך ניט קיין שדוכים מיט „שווערע טויזענדער“. ניין, זיי ליעבען דאָך דיך. בעשולדיגסט זיי צו־פיעל, פיליכט, אין אַלעם. פאר וואָס זאָלסטו ניט דענקען, אז זיי ווילען דיך האָבען נעבען זיך פון ליעבע צו דיר און ניט כדי ניט לאָזען דיך צו — מיר? אה, דו ליעבער, קאַפּריזנער אינגעלע!..

ווייסען זיי שוין פון מיר?.. דו האָסט זיי געזאָגט... שוין געזאָגט! איך פערשטעה שוין, יוסף, דאָס איבריגע, וואָס דו האָסט ניט דערשריעבען... איך פערשטעה ווי שטארק זיי ווילען מיך ניט...

זיי ווילען זעהר א רייכע. צו וואָס? זיי זיינען דאָך אליין אזוי רייך. ביי אונז אין שטעדטיל רעכענט מען אונז פאר די גרעס־טע גבירים. אָבער אין פערגלייך מיט אייך... ניין, עס האָבען

גאָר ניט בעדאַרפט זיין רייכערע און אָרימערע. אלע וואָלטען בע־דאַרפט זיין גלייך.

ווייסטו וואָס מיין טאטע האָט נעכטען געזאָגט ? ער האָט גע־זאָגט, אז פון דיר וועט ארויסקומען א זעהר בעריהמטער מענש, א גרויסער רעדנער ! געדענקסט ווי ער איז איינמאָל בעגייסטערט געוואָרען פון דיין ריידען, ווי ער האָט דיינע הענד געכאַפּט און געזאָגט: „יונגער מענש, מיר דאַרפען אזעלכע ווי איהר א סך, א סך ! מיר זיינען שוין אַלט, אזעלכע ווי א י ה ר דאַרפען מיר. נאָר ... פאָרזיכטיג, פאָרזיכטיגער דאַרף מען זיין מיט ווערטער...“

דו ביזט דאַן געבליבען שטעהן פאַר איהם שטיל. אלע האָבען געשוויגען ... איהר האָט זיך געקוקט אין די אויגען. דערנאָך האָסטו הויך אויפגעהויבען דיין קאָפּ, און געשוואָרען ביז׳ן טויט צו פערטיידיגען אונזער פאָלק.

ווי שטאַרק, ווי שעהן, יוסף, דו האָסט אויסגעזעהן ! ווי ריהר־ענד עס איז געווען צו זעהן אייך ביידען אזוי פעראייניגט ! מיר האָט זיך געוואָלט אייך ארומנעהמען, קושען. איך האָב מיך גע־שעמט דאָס צו טהאָן .. פאַר וואָס, יוסף, שעמען מיר זיך ארויס־צואווייזען די בעסטע פון אונזערע געפיהלען ?

אראָן איז דאָ. ער רעדט דאָרט געווים וועגען דיר. איך וועל ...ערן הערען וואָס רעדט ער.

אך, אזוי לאַנג דיר ניט געשריעבען ! אראָן איז ביי אונז פער־בליבען צו טהעע. ער האָט געזאָגט אז דו וועסט ענדיגען דאָקטאָר און אוועקפאָהרען אין דאָרף היילען פויערים. דער טאַטע איז זעהר אויפגעבראכט געוואָרען. — וואָס הייסט׳ס פויערים ? וועניג זיינען דאָ אידען וואָס קרייעקען ? וואָס עפּעס דוקא פויערים ? !

— וואָס מאַכט עס אוים וועד עם זיינען די קראנקע ? א דאָק־טאָר קען דען אויסקלייבען ? — האָט די מאַמע געזאָגט — פויע־רים איז פויערים.

— „פויערים איז פויערים“, וואָס דען זיינען זיי ? אוים־

בלייבען קען מען שוין גאָר, אז מען וויל. ער וואָלט גאָר בעסער שטודירען ראבינער.

— ס'איז מעהר חכמה אין דאָקטאָריע ווי אין ראבינעריי, האָט אראָן געזאָגט.

— אזוי — חכמה! מען לויפט כאפּען פרעמדע חכמה ניט וויסענדיג נאָך פון די אייגענע נארישקייט. מיר דאכט ער האָט דאָ גאָר געוואָלט בלייבען געבען אוראקען. נו, אָדער א דאָקטאָר אָדער קנעלען...

געבען אוראקען, אויפקלערען, איז ניט קנעלען — האָט זיך אראָן אזש בעליידיגט.

— עט, די זעלביגע זאך. א מלמד ווי אנדערע מלמדים, נאָר מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר אינגער און מיט נייע מעטאָדעס.

— פון דעסטוועגען וועלען שוין אונזערע מלמדים קיין דאָק־טוירים ניט ווערען, און ער קען — האָט די מאמע געזאָגט.

— ער קען! ניט דו און ניט ער וויים וואָס ער קען. היטין־קעפּ! היינט זיינען זיי דאָס, מאָרגען איין אנדער זאך. ניטאָ קיין בעשטענדיגקייט. ס'איז ווי דער ווינד בלאָזט. טוט א בלאָז א שטארקער ווינד, כאפּט מען אזא פערקיהלונג...

איך האָב זיך צולאכט. ווען ער וויל איבערצייגען די מאמען אין א זאך, ברייננגט ער איהר גלייך א ביישפּיעל מיט א פערקיה־לונג,—א קריינק, געגען וועלכער די מאמע וועט שוין ניט ארגומענ־טירען.

— וואָס לאכסט דו?

— אז עס איז טאקע צום לאכען — האָט די מאמע געענט־פערט. צו וואָס קאָכסטו זיך אזוי? וואָס? פערגינסט פּשוט ניט די יונגע. וואָלסט אליין וועלען זיין אויף זייער אָרט.

— אויף זייער אָרט! זיי האָבען דען אן אָרט? היינט דאָ מאָרגען דאָרטען, אָט אין זיעבעטען הימעל און אָט 18 קלאפטער אין דער ערד. נעכטען ראבינער, היינט אינזשעניר, מאָרגען פּראָ־פעסאָר, איבערמאָרגען אדוואָקאט, איצטער שוין וואָס, דאָקטאָר?

נו, ווי אזוי ווערט מען דאס? מען דארף דאך פריער ערגעץ וואו אריינטרעטען, הא?

— אין אוניווערזיטעט — האט אראן געזאגט. מען דארף זיך פריער צוגרייטען צו דעם.

— וואו? אט דא מאכענדיג ארגאניזאציעס, קוקענדיג אויף דער לבנה און אויפקלערענדיג מיידלעך?

— לערנען קען מען, אז מען וויל, אומעדום.

— יא, יא, געוויס. פאר פויערים וועט זיין גענוג וויפיעל מען וועט קענען...

בערמאן — ער האט די גאנצע צייט געשוויגען — האט מיך געפרעגט אויב דו דענקסט קומען אהער. איך האב געענטפערט, יא און — מיר איז עפעס אזוי אונמוטהיג געווארען. יוסף, עפעס ציטער איך אזוי, אז מען וועט דיך ניט לאזען פאהרען. אך, וואס ווילען זיי דארט פון דיר מיט זייערע „גליקען“? אבער — זיי וועלען בעסער ווערען. יא, וואס וועט זיי העלפען, אז דו ליעבסט מיך! אך, יוסף, איך קען מעהר ניט שרייבען. דיין אויפרעגונג גיט זיך מיר איבער, און מיר איז שווער. וואס איך, די אורזאך פון דיינע ליידען, קען זיי דיר ניט פערגרינגערען.

דיין יהודית.

3.

אפריל 18.

פון וואנען נעהמסטו דאס, אז מיינע עלטערן וועלען ניט וועלען א מענשען מיט א ווייטער צוקונפט? אז זיי ווילען שוין א געקאנטשעטען? ווען דאס זאל אפילו יא אזוי זיין, איז וואס האט עס צו אונז? יוסף, פיהלסטו ניט, אז קיינער אין דער

וועלט איז ניט אימשטאנד צו ענדערען מיך אין מיין ליעבע צו דיר? אָרימער, טייערער, ווי מוזטו עס ליידען! ליעבסטו אזוי שטארק די, אין וועמענס ענטשלאָסענהייט דו ביזט ניט זיכער? אה, יוסף, אין דיין ליעבע צו מיר פערזועהסטו גאָר מיין ליעבע צו דיר. דו ליעבער, צו וואָס אזוי מאטערען זיך מיט ש אָ ט ע נ ס? בערמאן, אראָן ליעבען מיך; דער, יענער, אלע, אלע! אָבער גוט; זאָל זיין אזוי, איז וואָס? איך, א י ך ליעב דאָך דיך, פערשטעהסט? ד י ך, נאָר ד י ך ליעב איך!

וואָס פאר א רייכע פאנטאזיע דו האָסט, יוסף, און אביסעלע, אויב דו ווילסט, אויך א צוהיצטע... ווארט נאָר, איך וועל זי דיר אביסעל אָבקיהלען מיט א נייעס פון „יענער וועלט". מיין מאמע האָט אין אמעריקא א שוועסטער, ניין, א שטיף־שוועסטער, פון וועלכער זי האָט יאָהרען לאנג קיין בריעף ניט געהאט. נעהמט און ס'קומט אָן א בריעף נעכטען: אזוי ווי זי האָט געהערט דאָס אונזער אייזען־געשעפט און די מיהל געהען ניט גלענצענד, זאָלען מיר מאכען אלעס צו געלד און פאָהרען אין אמעריקא „וואו עס איז גרינג צו קומען צו א תכלית מיט די מיידלעך". אויב מען וויל ניט פאָהרען אלע אויף אמאָל, זאָל מען דערווייל צושיקען די קינדער, איינע צי צוויי מיידלעך, עס פערשטעהט זיך, די עלטערע...

דער אָנקעל, איהר מאן, האנדעלט מיט קויפען און פערקויפען הייזער, זיי „זיינען ווערטה פיינע עטליכע טויזענדער". פאָהרען, יוסף, וואָס זאָגסטו?.. ווייסט, ווען מיר וואָלט אריינגעפאלען אזא געדאנק, וואָלט ער פון איין קוק אויף מיין טאטען, זיך אָבגעריסען און פערפאלען געוואָרען. דער טאטע איז אזוי אין כעס געוואָרען: — „המ... צושיקען זיי מיידלעך"! ער וועט איהר שרייבען דער „טראנטע" זאָגט ער, זי זאָל א פאָר פון איהרע קינדער שיקען אהער. מען וועט זיי דאָ, נישקשה, חתונה מאכען.

יוסף, האָסטו ווען געזעהן אזא גוטען טאטען ווי מיינעם? איך ליעב איהם, אויסער דיך, שטארקער ווי אלעמען. ער קען זיך צייטענווייס א בייזער טהאָן אויך, אָבער ניט אויף מיר: איך בין זיין ליעבלינג, זיין „גאָלד"!

— — — — בערמאן איז דאָ געווען, ווען איך האָב געהאט דיין בריעף ערהאלטען און איבערגעלעזען — און... הער וואָס ער האָט געזאָגט: אויף מיין געזיכט טאנצען מלאכים א קאמארינסקע; אין מיינע אויגען שפּיעגעלט זיך אָב א שלעכט־בעהאלטענער גליק; מיין געלעכטער איז געוואָרען העלער, מיין גאנג, ווי אין טאקט מיט מוזיק; וואו איך קום אריין ווערט ליכטיג... נא, גאָר דיינע ווערטער; אָבער ווי ד ו זאָגסט דאָס, און ווי ער... און אפשר זאָגט איהר דאָס ביידע גליך, נאָר מיר קלינגט עס אנדערש, ווייל איך ליעב ד י ך.

מיינע בעקאָנטע פלעגען מיך אמאָל רופען „קאלטער מלאך”. ווען זיי וואָלטען וויסען, וואָס פאר א הייסע ליעבע עס טראָגט אין זיך דאָס הארץ פונ'ם „קאלטען מלאך”... מיין ליעבע, מיין נשמה איז נאָר דיר בעקאָנט, מעהר קיינעם ניט. א יאָ, דו האָסט זי גוט בעגריעפען? ווי ,נאָך בעסער ווי איך דיינע? דאָס געפעלט מיר שוין ניט. איז דען דיין נשמה צו ווייט, אָדער צו הויך פון מיר?.. אָבער איך בין צופריעדען וואָס דו האָסט מ י י נ ע בעגריעפען. דערפאר קען איך בעסער פערשטעהן, פאר וואָס דו ליעבסט מיך אזוי... יוסף, זיי וויסען אז איך האָב זעהר א הויכע מיינונג וועגען מיין נשמה. איך האָב זי ליעב, דען דו ווייסט גאָר ניט ווי גוט זי איז. מיר וואָלט זיך ווען דו זאָלסט וויסען אלע איהרע פערבאָרגענע ווינקעלעך. וואָלסט דאן זעהן ווי פול זי איז מיט דיר. אָה יוסף, רייד וויפיעל דו ווילסט פון דיין ליעבע צו מיר, שטארקער פון מיינע איז זי ניט. ווי פיהלסטו איצט? שרייב. זיינען דיינע קאָפּ־שמערצען אריבער? מיין יוסף, ווי גיך דו האָסט זיי אלעס געזאָגט. האָסטו ניט געקאָנט אָבווארטען אביסעל? און אפשר איז בעסער אזוי, זאָלען זיי וויסען. אָה, זיי וועלען בעסער ווערען. זיי וועלען מ ו ז ע ן: מיר ליעבען זיך; מיר האָבען א רעכט צו זיין גליקליך!

דיין יהודית.

****

4.

אפּריל 19.

וואָס קען איך דיר ענטפערען? איך ביינק אליין אזוי... אויך איך קען ניט אויסשרייבען אלעס וואָס איך פיהל. נעכטען האָב איך געוויינט פון שלאָף. מיר האָט זיך גע'חלומ'ט, אז מען וויל דיך אוועקנעהמען, ווען דו האָסט מיך פעסט צו זיך געדריקט. איך האָב דיך ניט געוואָלט לאָזען, אָבער די קראפט וועלכע האָט דיך צוריק־געצויגען, איז געווען שטארקער פון אונז ביידען...

גוט, יוסף, וואָס פון דיר איז היינט דער בריעף אָנגעקומען. צו־פּוסט וואָלט מיר אויסגעזעהן דער טאָג נאָך אזא נאכט.

ווייסט יוסף, איך בין אייפערזיכטיג. יא... און ווייסטו אויף וועמען? אויף זיך אליין. מיר דוכט, איך בין צוויי: אן אויסערליכע און אן אינערליכע. עס איז שעהן די אויסערליכע, עס איז גוט די אינערליכע. די ערשטע זאָגט, זי איז די, וועלכע בעוועגט צו ליעבען, און זאָל זי, די שעהנע, פערשווינדען, בלייבט די גוטס־קייט מאכטלאָז... און עס איז אייפערזיכטיג די אינערליכע אויף דער אויסערליכער...

ווער פון זיי איז גערעכט? יוסף, ליעבער, זאָג דו. ———— איך קען היינט מעהר ניט שרייבען. עפּעס קריעכן אין קאָפּ אזעל־כע מאָדנע גערדאנקען איבער אונזיכערען גליק... יוסף, איך וויל דיך זעהן, מיט דיר ריידען, דיך מעהר קענען...

דיין יהודית.

5.

אפריל 20.

איך האָב געמיינט פון דיר וועט היינט זיין א בריעף און עס איז ניטאָ. איך וועל דערוויל שרייבען. מיר ווילט זיך צו דיר שרייבען.

וואָס טוסטו איצט ווען איך שרייב דיר? — דו שרייבסט גאָר ניט אין לעצטען בריעף וועגען דיינע עלטערען. זיינען זיי בעסער געוואָרען, אָדער זיי זיינען אזוי פיעל דאגעגען, אז זיי ווילען שוין גאָר וועגען דעם ניט ריידען? מיינע זאָגען, אז איך בין צופיעל פערטראכט... מען דארף זיי זאָגען... איך ווייס עפּעס ניט מיט וועלכע ווערטער דאָס אָנצופאנגען. אזא שעמעדיגע בין איך. יא, יא... עס איז גאָר נישט וואָס איך בין „אויסגעגאנגען" זעקס קלאסען גימנאזיע. ווייסט, יוסף, מיך פערדריסט וואָס ניט אלע זיעבען. עפּעס וואָלט דאָס געווען א פערקאָנטשעטע זאך, ניין? ווייסט, איך האָב דאָרט געליטען פון אנטיסעמיטיזמוס. איינע, אניוטא, אזא לעבעדיגע בלאָנדינקע — דו ווייסט, האָסט זיך מיט איהר אין אפּטייק דאָ, ביי דיין אָנקעל בעקענט — אָדער ווי זי פלעגט זיך רופען, אנא אנדרעיעוונא, האָט גאָר ניט געליטען פון אנטיסעמיטיזם. זי פלעגט זיך זעהר קאמפּאנירען מיט זיי, העלפען זיי אָבלאכען פון אידען. איהר פאָטער איז אן ארויסגעטריבענער פון מאָסקווא. זיי לעבען פון דעם וואָס זייערע רייכע קרובים גיעבען זיי. איין ברודער האָט זי א געטויפטען. זי פלעגט זאָגען, אז זי וואָלט זיך אויך שמד'ען, אז מען דארף זיך צומישען, ווערען אויס הענדלער, עקספּלואטאטאָרס, מאָשעניקעס" א. ד. ג.

ווי געפעלט דאָס דיר?

איין מאָל האָט זי מיר געזאָגט, אז איינער, א גימנאזיסט,

„אזא ליעבינקער“, ווייל מיך זעהר קענען. ער האָט מורא אז איך מייד איהם אוים, ווייל איך האס קריסטען.

איך האָב געענטפערט, אז איך האס ניט קיין קריסטען. אויף מאָרגען האָט זי צו מיר צוגעפיהרט דעם „ליעבינקען“, מיט א י ה ר „סימפאטיע“. פאָרשטעלענדיג איהם האָט זי געזאָגט אז ער איז אין מיר שטערבליך פערליעבט.

דער „שטערבליך פערליעבטער“ הויכער גימנאזיסט מיט א ווייסען פנים פול זומערשפרינקלעך איז רויט געוואָרען, האָט זיך טיעף פערנייגט און שטארק געדריקט מיין האנד. איהר „סימפאַטיע“ — א טיפּישער פערקאָכטער פּאָליאק — האָט גערופען געהן שפּאצירען אויפ׳ן בולוואר. איך האָב מיך דאן ענטשולדיגט, זאָגענדיג דאָס די פערד ווארטען, (מיר פלעגען פאָהרען ביידע אויף אונזערע פערד) און מען וועט ניט וויסען אין דערהיים וואָס צו קלערען, ווען איך וועל זיך פערשפּעטיגען. דער פאָליאק האָט צו איהר א פיעל־בעדייטענדען קוק געטהאָן און זי האָט מיך גענומען איינריידען פערבלייבען אין שטאָדט: איך וועל דאָך ניט פאָהרען אליין און זי איבערלאָזען; עס וועט ניט זיין גענוג פריינדליך, ניט נאָכצוגעבען אזא נארישקייט. איך האָב געזאָגט, אז צוליעב א נארישקייט איז טאקע ניט כדאי מיינע עלטערן זאָלען זיך בעאונרוהיגען. מיר זיינען געפאָהרען. דעם גאנצען וועג ניט גערעדט. נאָר קומענדיג האָט זי געזאָגט: מאָרגען וועל איך זיך פאר זיי ענטשולדיגען, וואָס איך האָב זיי בעקענט מיט אזא זשידאָווקא!.. געזאָגט און — אוועק.

קענסט זיך פאָרשטעלען, ווי איך האָב געפיהלט! זי איז איצט אין . . . ניט ווייט פון דיין שטאָדט. איך האָב געהערט אז זי האָט זיך דאָרט אָבגעגעבען צו בעזוכען געהיימע פערזאמלונגען. האָט א מאסע „טייערינקע“ און „ליעבינקע“ „סימפּאטיעס...“

זעה וועגען וואָס איך האָב זיך צושריבען — דארפסט עס נויטיג וויסען? איך וועל זיך בעסער לעגען שלאָפען. איינשלאָפען מיט דער האָפנונג א בריעף פון דיר מאָרגען צו בעקומען. א גוטע נאכט!

עס איז יעֶרשט א זייגער 9 — איך קען דעם בריעף אוועק־שיקען. נו, און וואָס וועל איך דערנאָך טהאָן א גאנצען אָבענד? לעזען, ווייטער לעזען — אָך, מיר הויבט עס אָן צו דערעסען... געפין איך ניט ד י ך אין דעם בוך, אינטערעסירט עס מיך ניט.

אָט ביזטו בעגייסטערט געוואָרען פאַר יענער ערצעהלונג, ווייל דאָרט איז געוועזן איינע מיט מיין נאָמען, מיט אזעלכע טיעפע גרויסע שווארצע אויגען, מיט ברעמען פערבויגענע ארויף און מיט לאַנגע, לאַנגע האָר. א גליק וואָס זי איז נאָר אין בוך געוועזן, ווען ניט וואָלט איך... אָה, דו דענקסט, אז איך בין גאָר ניט פעהיג אייפערזיכטיג צו זיין, און אז איך וועל קיינמאָל דערפון ניט וויסען, ווייל עס וועט ניט זיין קיין אורזאך?.. דו האָסט אָבער ג ע ז א ג ט, אז דער אינסטינקט פון אייפערזוכט איז א טיעף איינגעוואורצעלטער, א בלינדער. ער דארף ניט קיין אורזאכען. מען שטעלט זיך עפּעס פאָר, מען שאפט זיך אליין איין אורזאך...

איך קלער איצט, ווען מען וואָלט מיר זאָגען אמאָל אז איך וועל זיך אזוי שטארק פערליעבען, וואָלט איך, דאכט זיך, ניט געגלויבט. איינינגע האָבען געזאָגט, אז איך האָב צופיעל שכל. סיידען איך זאָל דעם שכל פערליערען וועל איך קענען ליעבען מיט'ן גאַנצען הארצען. עס איז ניט ריכטיג. אָט זעה איך דאָך, אז איך ליעב דיך מיט'ן גאנצען הארצען, מיט מיין גאנצער נשמה און — מיט'ן גאנצען שכל...

דיין יהודית.

6.

אפריל 21.

יוסף, איך בין שוין געווען דריי מאָל אויף דער פּאָסט — ניטאָ קיין בריעף. איך וועל שוין היינטיגע נאכט ווייטער ווייגען פון שלאָף. איך האָב מיך א גאנצען טאָג אזוי אנגעטראכט, גע־ערגערט... עפּעס האָט געמוזט געשעהן: דו וואָלסט דאָך מיך אומזיסט ניט לאָזען ווארטען. דו ווייסט דאָך ווי שווער דאָס איז. ענטפער גלייך.

דיין יהודית.

7.

אפריל 22.

ניטאָ קיין בריעף. יוסף, איך בין אונרוהיג און — בייז אויף דיר. אָדער דו ביזט ניט געזונד, אָדער דיר האָט דערעסען אלע טאָג שרייבען.

איך וואָלט דיר היינט א סך געשריבען, ווען פון דיר וואָלט זיין א בריעף. אזוי, וועל איך ווארטען.

ליעגענדיג מיט צוגעמאכטע אויגען טראכט איך — און מיר דוכט איך זעה דיך... דיינע הענד זיינען אויסגעשטרעקט צו מיר, דו רופסט מיך שטיל. איך לאָז די פאנטאזיע מיך דערנעהנטערען צו דיר... דו כאפּסט מיך האַסטיג אין דיינע אָרימס... איך טהו א ציטער... עס עפענען זיך די אויגען: דאָס צויבערליכע בילד פערשווינדט — —

מיט ליעבע פון דיין

יהודית.

****

8.

מאי 5.

ערהאלטען דיין בריעף... ניט אזוי האט עס מיך דערפרעהט. דאס הארץ, ווייסטו, ווערט איבערגע'חלש'ט פון לאנג ווארטען... אך, דו האסט ניט געשריבען, ווייל דו האסט ניט געוואלט אבשוואכען די צויבערליכע בילדער פון מיר, וועלכע דיין פארשטעלונגס־קראפט האט דיר געבראכט אזוי נאהענט, אז דו האסט מיך אין גאנצען געפיהלט, געקושט מיינע האר, איינגעאטהעמט מיין אטהעם, גערעדט צו מיר, צו מיין גייסט...

ווירקליך, יוסף, צו מיין גייסט?

מיין אינערליכער „איך“ פיהלט זיך עפעס ווי בעליידיגט... מיין גייסט דארף דערפרישען דיינע געדאנקען, שטארקען דיך, און ניט אזוי אבשוואכען דיינע נערוועז.

ליעב מיך ניט אזוי „שטארק, ווילד, משוגע“! — דיין ליעבע שרעקט... זי איז צו־האסטיג. זי פערברענט דיך, פערצעהרט.

ווי ליעב איך? —

ניט אזוי רעש'דיג ווי דו, און דאך קען זיין—שטארקער. איך ליעב טיעף, שטיל. מיין קאפ, מיין הארץ האט ניט קיין איין ווינקעלע, וואס זאל ניט בעלאנגען צו דיר. אה, דאס איז דאס רייכסטע, דאס וואונדערבארסטע, וואס איך בעזיץ. דאס איז מיין אייגענס. איך היט דאס אין מיר ווי... ווי א קארגער זיינע פערמעגענס.

אה, מיין יוסף, צי פערשטעה איך, ווי שטארק דו וואלסט מיך אין דיינע ארימס וועלען כאפען און אוועקטראגען ערגעץ ווייט, צו לעבען נאר מיט ליעבע... דאס איז אונמעגליך... אבער צי דען דארפען מיר האבען אזוי פיעל ווי דו דענקסט? יוסף, מיינע עלטערען וועלען מיך, ווייסטו, ניט אוועקלאזען מיט גאר נישט.

נו, און דיינע וועלן אויך מוזען אנערקענען, אז אונזער ליעבע איז שטארקער פון טויט. אָה, זיי ניט אזוי צוטראָגען מיין ליעבער, מיין טייערער, מיין, מיין... יוסף!

מישא פרעגט מיך אלץ: „ווען וועט שוין יוסף קומען צוריק. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אז ער וועט מיך לערנען פיעלע זאכען".

— און בערמאַן'ס לערנען געפעלט דיר ניט? אָה, ביזט אונצופריעדען וואָס ער בייזערט זיך, ווען דו מאכסט ניט גוט דעם אוראָק — זאָג איך.

— אז איך מאַך, איז ער אויך בייז. ער לאכט צו מיר ניט, דערצעהלט קיינמאָל גאָרנישט, ער האָט מיך פיינט. ער האָט אלע־מען פיינט. אפילו דיך אויך. אז איך פרעג איהם עפּעס ווען דו געהסט פערביי, ענטפערט ער גאָרניט.

דער טאטע איז אריין, געפרעגט מישא'ן צי ער האָט געדאַ־ווענט.

— יא, געדאווענט, נאָר פון פּאָרענט.

— נאָר פון פּאָרענט? פאר וואָס ניט אין גאנצען, הא? יהודית, דו צולאָזט איהם. ווייסטו וואָס ער האָט אָבגעטהאָן דער באלד־בר־מצוה בחור? ער איז געקראכען איבער דעכער, עפּעס האָט ער עסקים מיט טייבעלעך, ווי אלע שקצים...

אלס שטראָף האָט דער טאטע געזאָגט, אז ער וועט איהם ניט קויפען קיין פערדעל, (דאָס איז איצט מישא'ס בקשה), און איך, כדי איהם צו פערגרינגערען זיין צער, האָב איהם א קוש גע־טהאָן (און האָב געטראכט פון דיר, פון זיין ליעבע צו דיר. אָה, איך קוש ניט אומזיסט...) שטענדיג רעדט ער פון דיר, ער בענקט, ער העלפט מיר בענקען.

די מאמע רופענדיג עסען, האָט אוועקגענומען מישא'ן און א וואונק געטהאָן פון דער זייט צום טאטען און איז ארויס.

— ווייסטו, יהודית, האָט ער געזאָגט, מיר וואָלטען בעדארפט זעהן עפּעס... פרעהליכער צו זיין. מאכען עפּעס אן אָבענד לכבוד... לכבוד מישא'ס אימענינעס.

— ערשט מיט א ניין מאָנאטען פריהער געווען.

— אזוי... איז וואָס פאַר אַן אַנדער זאַך קריגט מען ? עפּעס אַן אויסרייד ?
— דאַרף מען אויף צו זיין פרעהליך קריגען אַן אויסרייד ?
— וואָס דענקסטו מוז מען האָבען ?
— אַן א ו ר ז א ך, דענק איך.
— נו, און אויף זיין אומעדיג אויך איין אורזאַך, הא ? איז וואָס איז די אורזאַך, וואָס... וואָס מיר זיינען עפּעס ווי אומעדיג ?
— אָה... טאַטע...
— „טאַטע", „טאַטע", געוויס טאַטע. נו, אהער די אורזאַך, דעם אויסרייד !
אין קאָפּ איז מיר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק איהם זאָגען ; אָבער דאָס האַרץ האָט זיך איינגעשטעלט, איך זאָל עס פאַר קיי־נעם ניט עפענען, אזוי ווי מורא האָבענדיג זיינע סודות זאָלען ניט ווערען קיין אַלגעמיינע זאַך, זיין גליק — קיין אַלגעמיינע שמחה.
— ניטאָ קיין אורזאַך, וואָס ? עפּעס ווילט זיך אפשר דאָך ? אַ קלייד, אַ הוט, אַ רינג... ניין, האָסט פיינט אָנצוטשעפּען אויף זיך. דאָך טראַכט עפּעס אויס. נו...
— אַ פערדעל ! צוויי פערדלעך, מיר און מישא'ן !
מישא איז אַריינגעלאָפען, איך האָב איהם ארומגעכאַפּט און גענומען זיך דרעהען : פערדלעך, אונז ביידען ! מיר וועלען אוועק־פאָהרען ביידע ווייט ווייט צום וואַלד...
ער איז געוועזען ענטציקט : ווייט ווייט, אזש צו יאָסיף !
— „געפרעגט ? נו ?" האָט די מאַמע שטיל געפרעגט דעם טאַטען.
— געפרעגט ? געפרעגט ? גאָר נישט ! עסען, קינדער. הע־ניע, רחל, שימקע, אַלע צום טיש !
מישא איז געזעסען ביים טיש און זיינע אויגען האָבען גע־רעדט : „אַ פערדעל, אַ פערדעל !" און מיינע האָבען געענטפערט : „אַ בריעף, באַלד מוז זיין פון יוסף'ן אַ בריעף !" און — עס איז גע־וועזען ! אָה, יוסף, עס איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין בעסערע זאַך ווי אַ בריעף, ווי דיינע בריעף...

****

איך האָב אַ קלעהר געטהאָן אָברעכענען זיך מיט דיר; לאָזען דיר לאנג ווארטען אויף אַן ענטפער. אָבער איך ק ע ן נ י ט. און איך בעט דיך, יוסף, טהו דאָס ניט מעהר, ניט נאר אַב מיין וואר־טען. שרייב, שרייב ביז דו וועסט קומען, יוסף, מיין יוסף.

היינט וועל איך צו דיר מעהרניט שרייבען, איך וועל צו דיר ט ר א כ ט ע ן...

דיין יהודית.

9.

מאי 9.

יוסף'ל, איך וועל דיר דאָסמאָל אביסעלע, גאָר אביסעלע שריי־בען. מיר פאָהרען היינט אין שטאָדט צו א גרויסארטיגען אָבענד, געגעבען פאר א וואָהלטהעטיגען צוועק. עס פאָהרען דער טאטע און איך, העניע און בערמאַן. איך נעהם מיט דיין בריעף, וועל טראכטען די גאנצע צייט פון דיר, דיך קושען אין געדאנקען...

אך, ווען דו זעהסט מיך איצט! איך בין אָנגעטהאָן אין גאנ־צען אין ווייסען. איך קוק אוים אזוי שעהן... און מיך פערדריסט עס: איך דארף עס גאָר ניט, ווען דו ביזט ניטאָ דערביי.

דיין יהודית.

10.

מאי 12.

יוסף, איך האָב דאָס דיר ניט געוואָלט שרייבען, אָבער איך מוז. איך וויל ניט פערשווייגען דאָס, וואָס דו מוזט וויסען, וועגען וואָס דו מוזט דיין וואָרט זאָגען. איך האָב געעפענט א בריעף מיט'ן שטעמפּעל פון דיין שטאָדט: דאָס איז געווען א בריעף פון דיינע עלטערען צו מיינע. זיי בעשולדיגען מיינע עלטערען אין פערנארען זייער זוהן, און אויסנוצען זיין אונערפאהרענהייט און אָנשטעלען איהם געגען זיינע עלטערען. אָבער — שרייבען זיי — אנשטאָט קריעגען זיך, וועלען זיי געהען מיט גוטען. נאָכגעבען וועט מען זיי מוזען סיי ווי סיי, ניט פריהער איז שפּעטער. זיי וועלען מיינע עלטערען, פאר אָבזאָגען זיך פון דיר מיט גוטען, געבען אזוי פיעל, וויפיעל עס וועט בעפריעדיגען זייער פערלוסט. זיי וועלען דיך סיי ווי סיי ניט האָבען פאר אן איידים, ווארום פערבלענדעניש האלט ניט לאנג אָן... א. אז. וו.

אָה יוסף, ווען מיינע עלטערען וואָלטען דאָס לעזען דעם בריעף! —

יוסף, אפשר זאָלסטו טאקע חרטה האָבען? דיר שטעהט פאָר א גלענצענדע צוקונפט — זאָלסטו דאָס אלעס אָפּפערען צוליעב דער ליעבע? וועט עס ווערטה זיין אזויפיעל אָפּפער? וועל איך זיין אימשטאנד אזוי פיעל גליק דיר צו געבען? לעג זיך איבער און ענטפער זיי. זאָג זיי אז דו קענסט, — אויב דו קענסט — טהאָן וואָס זיי ווילען. וועסט אפשר גיך פערגעסען אלעס... וועסט זיין פריי פון דיין „גליק" וואָס ברייננגט מיט זיך פיעלייכט אומגליק,

פון דעם „לייכטענדען שטערען" וועלכער קען זיך אין א שטערענ־
דען שטערען פערוואנדלען אויפ'ן וועג צו דיין ערפאלג אין לעבען.

קענסט נאך פערגעסען, קענסט נאך... עס איז נאך ניט צו־שפעט. אה, עס איז אפשר גאר ניט אזוי שפעט ו ו י ז י י מ י י נ ע ן...

דיין יהודית.

11.

מאי 17.

יוסף, מיין טייערער, מיין ליעבער, מיין גוטער — פערגיעב! איך וועל שוין מעהר אזא זאך ניט שרייבען. „זאלסט פערגעסען"... עס איז גרינג צו ז א ג ע ן!

מיר האט געדאכט מען נעהמט דיך פון מיר אוועק. דיין פראָ־טעסטירען האט מיר אויסגעזעהען צו־שוואך. פיעלע ווערטער דייד נע וועגען כאראקטער־שטארקייט האבען מיר אויסגעוויזען ווי זיי זיינען געזאגט געווארען כדי צו פערדעקען מיט זיי די שוואכקייט...

איך האב דיר ניט געשריבען אלעס. זיי האבען געשריבען, אז אין פאל עס איז וואס געשעהן... דורך מ י י ן ל י י כ ט־ז י נ י ג ק י י ט... אה, יוסף, וויפיעל געזונד עס האט מיר גע־קאסט ביז ד ע ר בריעף דיינער איז אנגעקומען!

דאך קען איך ניט טראכטען צו־שלעכט וועגען זיי. זיי זיינען דאך ד י י נ ע עלטערען. ווי ווייט זייער קרעמערישער גייסט זאל ניט געהן, ליעבען זיי דיך דאך. זעה ווי זיי האבען זיך דערשראָ־קען, ווען דו, פערצווייפעלט פון מיין ראטה צו „פערגעסען זיך", האסט זיך ענטזאגט צו ריידען מיט זיי און געוואלט פערלאזען זיי־

ער הויז. „טהו וואָס דו ווילסט...“ האָבען זיי דיר געזאָגט, זאָל זיין, מיט א האלבען מויל, אָבער דאָך. —

איך גריס דיין שוועסטערעל. איך ליעב זי פאר איהר ליעבע צו דיר און צו מיר. מערקווירדיג, ווי די קליינינקע סימפּאטיזירען מיט אונז! זי האָט דאָס דיר אויסגעזאָגט, אז זיי האָבען עפּעס גע־זוכט צווישען דיינע און מיינע בריעף... טהו איהר דאָרט א קניפּ אין בעקעלע, דיין קליינער שוועסטערעל, פאר איהר לאנגען צינ־געלע...

יוסף, איך בענק נאָך דיר. מיך נעהמט ארום עפּעס א מאָד־נער אומעט. מיר ווילט זיך זיצען נעבען דיר, הערען דיין שטימע, פיהלען דיין האנד אין מיינע...

דיין יהודית.

12.

מאי 23.

אך, ווי גליקליך איך בין וואָס דיין איינציגער גליק בין איך, איך, איך!

דו פרעגסט, אויב איך בין פער׳שכור׳ט פון אונזער ליע־בע, אָדער איין גאנצען פערשלונגען פון איהר? ניין, מיין הערץ! איך ליעב ניכטער, דענקענדיג, פיהלענדיג. און ניט נאָר האָט דיין ליעבע צו מיר און מיינע צו דיר ניט געטריבט ביי מיר די ליעבע צו אנדערע, נאָר פערקערט — נאָך פערשטארקט. איך וואָלט די גאנצע וועלט ארומגענומען. איך האָב זיך אליין, צוליעב דיין ליעבען מיך, אזוי ליעב בעקומען, אז איך וועל מיר באלד נעהמען

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

מאכען קאָמפּלימענטען, דריקען מיר וואַרים מיין האַנד, קוקען זיך לאַנג אין די אויגען און — ריידען צו מיין גייסט...

דו ווייסט גאָר ניט ווי גוט די ליעבע האָט מיך געמאַכט. נאָך אַביסעל און איך בין טאַקע אַ מלאך... איך טראַכט פון דיר און טהו פיעלע גוטע זאַכען.

אָה, טייערער, עס איז אַזוי גוט צו זיין גוט, ווען מען איז גליקליך!

אַזוי, עס געפעלט גאָר דיינע עלטערען מיין יחוס? אַ משפחה פון רבנים, סוחרים, דאָקטוירים און — אַמעריקאַנער מיליאָנערען. „און אַז מען וועט זיך איינשפּאַרען, וועט מען אפשר, זאָגען זיי, געבען מעהר ווי דריי־פיער טויזענד". אָה, ליעבער, איך בין ניט בייז אויף זיי דערפאַר...

קען זיין אַז דו זאָלסט טאַקע באַלד קומען?.. אָה, יוסף, איצט, אין פריהלינג, איז דאָ אַזוי שעהן, אַזוי גוט! גאַנצע אָבענדען און נעכט וואָלטען מיר אַרומשפּאַצירען, זיך שיפען אין לאָדקעס, קריכען אויף בערג... נאָר, ניין. דו וועסט שטודירען. איך וועל דיר העלפען. שטיל וועל איך צוגעהן צו דיר, בלייבען שטעהן הינטער דיין שטוהל, איינהאַלטען דעם אָטהעם, זיך ניט אַרויסגעבען, קוקען אַזוי ווי דו זיצסט און „גריזשעסט זיך" צום עקזאַמען, און ווען דו דערפיהלען מיין געגענוואַרט, און האַסטיג מיך פאַנגען אין דיינע אָרימס, וועל איך שטאַרק, ש ט אַ ר ק דיין קאָפּ מיט מיינע הענד צודריקען, פערשליסען דיינע ליפּען מיט אַ לאַנגען, ל אַ נ ג ע ן קוש און אַרויסלויפען פון צימער. דו וועסט מיך וועלען כאַפּען צוריק, אָבער דו וועסט ניט קענען...

און איצט, זיי געזונד און... קום! איך וועל זעהן מיט אַלער מעגליכקייט צו בערעכטיגען דעם נאָמען וואָס דו האָסט מיר געגעבען: דיין „פיהרענדער שטערען".

יהודית.

✤✤

13.

יוני 1.

וואָס פאר א סורפריז! ווי שעהן, ווי וואונדערליך שעהן דו ביזט! און וואָס פאר א אידעע צו פאָטאָגראפירען זיך קוקענדיג אזוי אויף מיין בילד! עס רעדט, דאָס בילד. אזוי פיעל כאראקטער, אזוי פיעל לעבען! דאָס איז ניט א בילד נאָר פון דעם אויבערליכען, דאָס איז א פאָטאָגראפיע פונ'ם הארץ, פון דער נשמה!

איך שיק דיר א בלום פון מיינע בלומען־טעפּ. וואָלסט זעהען ווי שעהן זיי בליהען! וואָס פאר א רויטע און ראָזע און ווייסע בלומען! איך האָב זי, די ווייסע, געהאלטען א גאנצע נאכט — אונטער מיין קישען. איך שיק דורך איהר א קוש צו דיר... אך, ווי סענטימענטאל איך בין! — זעה, ווי ווייס, ווי אונשולדיג זי קוקט אויס... א רויטע בלום, זאָגט מען, איז מעהר א צייכען פון פייערינער ליעבע... איך ליעב די ווייסע בלום, זי איז ניט אזוי שרייענד און רייצענד. זי איז דאכט זיך ריינער, בערוהיגענדער. זי גלעט, דאכט זיך, מיט איהרע ווייסע, ווייכע בלעטלאך און בעט: זיי רוהיג, זיי רוהיג...

דו, יוסף, דארפסט א ז ע ל כ ע בלומען...

וועגען די אונרוהיגע קלאנגען אין אונזער שטאָדט, וואָס אראָן האָט דיר געשריבען, קען איך ליידער בעשטעטיגען אז ס'איז אן אמת. דער טשינאָווניק, וואָס איז דאָ אָנגעקומען, איז געשיקט געוואָרען, זאָגט מען, אויפצורייצען דאָ א פּאָגראָם. עס האָט זיך דאָ אָרגאניזירט א גרופּע זעלבסט־שוץ פון א דריי און דרייסיג מיטגליעדער.

איך וויל מעהר ניט שרייבען. איך וויל נאָר קוקען אויף דיר מיט דיין

יהודית.

14.

יוני 7.

געוויס, יוסף, וועל איך דיר אלעס אויסשרייבען אויב דו ווילסט. דער טשינאַווניק איז ביי אונז געוועזן, ווי ער האָט געזאָגט, כדי צו ערפיעלען „פּאָליציייסקע פליכטען" און בעקענען זיך מיט'ן ווירט פון הויז און — זיינע שעהנע טעכטער.

ער האָט גענומען געלד פאר'ן „רויטען קרייץ", פאר די ליי־דענדע פון דער מלחמה מיט די „פערפלוכטע יאפּאנצעס"; האָט גערעדט מיט א טאָן פון א פערזאָרגער וועגען רוסלאנד, אז „וועז ניט מיר" וואָלט גאַנץ רוסלאנד געלעגען אין פרעמדע הענד. די פרעמדע פערכאפּען אלץ... הייגט די בונטאָווטשיקעס, וויפיעל זייערע? א? אָט „נאפּרימער" אין אזא שטעדטעל ווי אייערע, ניט איבערצוצעהלען...

— „די צאָהל פון גאָרנישט לאָזט זיך ניט צעהלען". ענט־פערט איהם דער טאטע.

— „גאָרנישט? חע, חע, מיר ווייסען איהר האָט האָלט צו בעהאלטען די זינד..."

— „ווער האָט דען ליעב דערמיט זיך ארויסצושטעלען?"

— „יע־יע־יע... המ... ווייסטו ברודערל, עס איז גאָר קיין שפּאס. מען דארף זיי, די קראמאלניקעס, ארויסציהען פון די לעכער און אזוי אריינצעהלען... חע, חע, וועך וויים אויב ניט הינטער מיר, אָט דאָ, איז פערשטעקט איינער פון יענע, רויטע, שטעקט מיר דאָרט ארויס א צונג, אָדער ווייזט א קולאק. הע־הע".

— „עט, וואָס איז פאר א רוסישען טשינאָווניק א אידישע צונג אָדער א קולאק?.."

— „אמת, בראַטיעץ! מיר האָבען פאר די זאכען קיין מורא ניט... נאָר, אונזערער א טשינאָווניק מוז האָבען אין פּאָטילניצע

אוינגען... ווייסט, איך וויל פון דיר נעהמען א בעדייטענדע סומע פאר... א גרופע... פאראן אמת־רוסישע פאטריאָטען, וועלכע פערפאָלגען דעם ציעל פון פערטיידיגען רוסלאנד פון אונגעווינשטע עלעמענטען. דערצו שטערען בונטען — צום ביישפיעל, ווען אייערע מענשען אין מיהל, אין אייזען־געשעפט זאָלען זיך צובונטעווען...“

— מיט מיינע מענשען קען איך אליין דורכקומען. איך דארף פאר זיי ניט דינגען קיין חוליגאנעם“.

— „ווי, אויב זייערע פאָדערונגען?..“

— „עט, גאָרנישט. דאָס געלד וואָס די חוליגאנעם וועלען ביי מיר נעהמען וועל איך בעסער זיי, מיינע מענשען, אוועקגעבען“.

— „דאָס איז געגען געזעץ! איך קום אהער טהאָן די פליכט פון א פאָליציי־בעאמטען און וועל ניט פערשווייגען קיין אונרעכט ווען דאָס זאָל זיין... אפילו... פון א... פארפיהרטען פראוואסלאוונעם... איהר ווילט ניט אויסמיידען — קיין קישיניעוו... איהר, איהר...“

א שווערער קלאפ האָט זיך דערהערט — איך מיט דער מאמען זיינען געזעסען אין א צווייטען צימער — מיך האָט א הויב געטהאָן פון אָרט, איך בין אריין אין טאטענס קאבינעט. דער טשינאוווניק איז געשטאנען אנטקעגען טאטען. דעם טאטענ׳ס האנד, אָנגעשפארט אן קיילעכדיגען טישעל, אויף וועלכען עס ליעגט אן ענציקלאָפעדיע, האָט שטארק געציטערט. די ענציקלאָפעדיע איז געוועזן אויף דער ערד.

— „אָה, מאדאמואזעל, מיין אכטונג!“ האָט דער טשינאָווניק אויסגערופען.

מיין טאטענס קוק האָט מיך ארויסגעשטויסען פון צימער. דער טשינאָוניק איז באלד אוועק, איבערלאָזענדיג דעם טאטען שרעקליך אויפגערעגט. דער טאטע פאָהרט צום גובערנאטאָר בעטען ארויסשיקען הילף אין פאל עס וועט זיין א טומעל... אויף מיר האָט ער געשריען פאר וואָס איך האָב מיך געוויזען פאר אזא הונד, און האָט פערזאָגט מיר זאָלען פון הויז ניט ארויס.

איך קוק ארוים אין גאס און זעה מענשען געהן ארום צוזא־מענגעדרעהט פון שרעק. זיי ריידען מיט די אויגען... די לופט איז ווי אנגעפילט מיט אונרוהיגקייט.

א גוטע נאכט, יוסף, און אהן חלומות. דו ביזט געזעגנט: א גוטער חלום איז אויך ניט גוט, ווייל ווען מען ערוואכט, בלייבט גארנישט. גאר נישט? ניין, עס בלייבט א גוטע עראינערונג. זאל זיין האטש פון א חלום, מיר האבען דאך אזוי ווענינ גוטעס אויפ'ן וואהר. —

דיין יהודית.

15.

יוני 12.

אך, ווי דו שרעקסט מיך מיט דיין שרעקען זיך פאר מיר! דו מאהלסט די זאכען צו־שווארץ. דיין שרעק גיט זיך מיר איבער און אנשטאט צוצוגעבען מוטה, ענטמוטהיגסטו מיך גאר.

דיך שרעקט וואס איך בין א מיטגליעד פון דער זעלבסט־שוץ — איך האב אבער געקלערט אז אראן וועט עס דיר שרייבען! — וואלסטו דען רוהיגער געווען איך זאל אונבעוואפענט זיין?

נעכטען ביינאכט האט דער טאטע פערטיילט געוועהר צו אונ־זער זעלבסט־שוץ. זיינע הענד האבען געציטערט, אבער ס'האט פעסט געקלונגען זיין שטימע, ווען ער האט גערעדט. ער האט פער־זאגט מען זאל בענוצען די געוועהר נור ווען עס וועט זיין לית ברירה. מען זאל קיין אומזיסטע בלוט ניט פערגיעסען נאר פערטיידיגען זיך. ראכע נעהמען פאר אלעם זיינען מיר צו ווענינ אין צאהל, צו שוואך.

שטיל איז מען זיך צוגאנגען פון מאגאזין. מען האָט קיינעם ניט געזעהן. אפילו די לבנה האָט זיך בעהאלטען.

יוסף, איך שרעק מיך פאר דיר. דיין ווערען מיך אזוי בערוהיגען ציינט מיר אין וואָס פאר אן אונרוהיגקייט דו געפינסט זיך. ווי אזוי האָסטו ערלויבט יענע — ווי רופט מען זיי? — איבערצולאָזען אזעלכעס, ווען עס ווערען געמאכט אזוי פיעל הויז־זוכונגען. אייער הויז וועט מען טאקע אפשר ניט פערדעכטיגען צוליעב אייער רייכען שטאנד, אָבער, יוסף, פרינציפיעל האָסטו דאָס ניט בעדארפט טהאָן. דו ביזט דאָך געגען טעררָאָר. האָסט זיך אזוי שטארק אויסגעשפראָכען געגען אריינגעהמען אזעלכעס אין פועליציון פראָגראם, ווייל דאָס קען טארמאזירען די בעוועגונג. ווי אזוי האָבען יענע געקענט דיך לאָזען נעהמען אזא זאך? האָבען זיי דאָס דיר אָנגעבונדען? ניין. דאָס וואָלט דאָך געווען אויך געגען ז י י ע ר ע פרינציפען.

געוויס וועל איך אין פאל פון געפאהר צו דיר טעלעגראפירען, אז דו זאָלסט קומען. איצט בעשטימט, ווייל מיך שרעקט אזוי פאר דיר, יוסף, עס זאָל דיך ניט אוועקטראָגען מיט'ן שטראָם... ניין, דו וועסט נ י ט אוועק, דו ביזט דאָך שטארק, שטארק גענוג צו פערבלייבען מיט די שוואכע...

דיין יהודית.

נ. ב. דער בריעף איז ביי מיר געבליבען נעכטיגען. עס איז צו־שפעט איהם אָבצושיקען. דערווייל האָב איך פון דיר איצט נאָך א בריעף. דו פרעגסט זיך אַלץ נאָך אויף מיר, און וועגען זיך פערשוויגסטו עפעס, ווי אבזיכטליך. דו שרייבסט אזוי ווייניג.

ביי אונז האָט איבער נאכט קיין נייעס ניט פאסירט. דער טומעל איז א פערשטיקטער, אן איינגעהאלטענער. מען ווארט...

ד. ז.

16.

יוני 16.

איך האָב נעכטען געוואָרט אויף א בריעף פון דיר און עס איז נאָך היינט אויך ניטאָ. איך בין זעהר אונרוהיג. די אלגעמיינע שטימונג איז דאָ אזא דריקענדע. יעדע קליינע פּאסירונג האלט מען דאָ פאר א סיגנאל צו א פּאָגראָם.

דעם טשינאָווניק זעהט מען ניט. מען זאָגט, אז ער געהט ארום פערקליידט אין אנדערע זאכען.

מיר זיינען ווי ארעסטירט. די עלטערען לאָזען אונז פון הויז ניט ארויס.

דער סיגנאל פאר פערטיידיגען זיך וועט זיין — די געפאהר אליין.

ענטפער שנעלער. שרייב גלייך, אויב דו האָסט נאָך ניט גע־שריבען.

דיין יהודית.

17.

יוני 25.

יא, יוסף, דיינע עטליכע ווערטער האָבען מיך בערוהיגט. ווי שווער איז געווען דאָס ווארטען! אָבער וואָס מאכט עס אוים? עס איז שוין אוועק.

אויב דו ווילסט איך זאָל גלויבען, אז אין טורמע איז גאָר ניט שרעקליך — גלויב איך. פון איין זאך ווערסטו דאָרט זיין געזיי־בערט — פון א פּאָגראָם. מיר זיינען נאָך דערפון ניט זיכער. עפּעס ציהט מען אונז לאנג אָב. וואָס גרייט מען צו פאר אונז? ווער ווייס? —

דיין יהודית.

18.

יוני 28.

איך האָב מיר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז אין א טורמע זאָל זיין אזוי גוט. ביזט ניט מעהר אליין? יא, עטליכע צוזאמען איז געווען פרעהליכער. א גרוס צוריק דער גאנצער קאָמפּאניע. א דאנק פאר׳ן בעזונדערען גרוס פון אניוטא — אננא אנדרעיעוונא.

וואָס איז דער וואונדער? אז מען געפינט זיך אין איין שטאָדט קען מען זיך טרעפען אין איין טורמע.

איך האָב דאָס לעצטע מאָל געשריבען אזוי ווייניג, ווייל איך האָב זיך געאיילט ניט צו פערשפּעטיגען די פּאָסט, און איך בין געווען צופיעל איבערראשט פון דער טורמע...

דיין יהודית.

19.

יולי 1.

ווי לאנג, יוסף, עס דויערט אייער בעפרייאונג! וואָס קומט דען פאר אויפהויבען אין גאס א פּראָקלאמאציע! איך האָף, אז איהר וועט אין גיכען זיין פריי.

איך וויל ניט שרייבען מעהר. איך בעט מיר צו ענטשולדיגען פאר וואָס איך שרייב איצט אזוי ווייניג.

מאָרגען וועט מעגליך אויסברעכען דער שטורם. מען זאָגט אזוי. און אפשר וועט גאָרנישט זיין.

דיין יהודית.

20.

יולי 8.

ענדליך ביזטו אין דערהיים! איצט וועל איך דיר שרייבען מעהר. אך, יוסף, וויפיעל ליידען מיר האָט פערשאפט די טורמע. פאר וואָס? פאר ועמען?!

אייגענטליך ארט מיך ווייניג פאר וואָס און מיט וועמען דו

ביזט געזעסען. מיך ארט גאר ניט וואס אננא אנדרעיעוונא האט זיך געפיהלט בעליידיגט פון מיין קאלטען גרוס. איך וויל גאר זעגען איהר ניט שרייבען. עס איז פאראן וויכטיגערעס.

דאס וואס מען האט ערווארטעט, איז געשעהן. עס האט זיך אנגעפאנגען דעם 3־טען יולי בייטאג, און געענדיגט דעם 5־טען ביי נאכט. עלף מענשען זיינען דער׳הרג׳עט געווארען. כמעט אלע קראמען צורויבט. די צאהל פון פערוואונדעטע איז שווער איבערצוצעהלען. פיעלע קרעכצען, קוקען מיט שטומער פערצווייפלונג, בייסען זיך די ליפען, פערקוועטשען די פויסטען און לאזען זיי מאכטלאז אראב — — —

אונזער אייזען־געשעפט איז כמעט דער ערשטער צוראבירט געווארען. כדי אויסצופיהרען די טייפלישע ארבייט, האט מען זיך דאך געמוזט בעזארגען מיט געוועהר, מעסערס, העק און אייזענס.

עס האבען די „ארימע אונשולדיגע פויערים" געלעגט אויף זייערע וועגען אקער־אייזענס... ווער ווייס וויפיעל זיי וועלען שוויצען אויף זייער „מוטעריל ערד" אקערענדיג זי מיט אונזערע אקער־אייזענס, פערגלייכענדיג זי מיט אונזערע בראנעס, פעט מאכענדיג זי מיט אונזער מארך און בלוט...

און עס וועלען תפלה טהאן אידען אויף גערעטעניש; עס וועלען העלפען דעם פויערעל אונזערע פריי־געזאנגנע — לויבענדיג זיין פויערשען גייסט, זיין אפענע, אונשולדיגע נשמה...

פערלאנג ניט פון מיר קיין איינצעלהייטען וועגען דאס וואס ס׳איז פארגעקומען. עס איז שווער זיי איבערצוגעבען. — שווער בעוועגט זיך מיין האנד צו שרייבען. עס קוקט זיך אהן א ציעל, עס טראכט זיך אהן גדאנקען —

איך בין געוועזן זעהן די ערטער וואו דאס שרעקליכסטע איז פארגעקומען. עס דערצעהלט מיר דארט איינע, ווי מען האט איהר קינד געטראטען מיט די פיס. איך הער וועגען א צווייטע, וועמעס אונגליק איז נאך שרעקליכער. ניין, פרעג ניט. איך קען ניט איבערגעבען די איינצעלהייטען. —

עס איז געוועזן א ווילע, ווען איך האב געוואלט דיר א טע־

לעגראמע שיקען, דו זאָלסט קומען. איך האָב דאָך אָבער ניט גע־
קענט טעלעגראפירען צו דיר אין טורמע... א וועהטאָג האָב איך
געפיהלט אין הארצען זיך פאַרשטעלענדיג דיך מיט דער לוסטיג־
ענטוזיאסטישער געזעלשאפט. איך האָב מיך דאן פרעמד דער־
פיהלט פון דיר. מיר האָט געדוכט, אז דו געהסט אוועק צו זיי...
און וויסטו, איך האָב דאן נאָך פעסטער בעשלאָסען צו בלייבען
מיט מיינע, ווען אפילו פון זיי זאָלען ניט מעהר בלייבען ווי קברים.
איך וואָלט געבליבען היטען די קברים...

די מאמע, רחל, העניע און שימקע קענען נאָך ניט קומען צו
זיך פון שרעק. מישא דריקט זיינע פויסטען און שווערט אויף זיין
חלק עולם הבא זיך אָבצורעכענען ווען ער וועט אויסוואקסען א
גרויסער. דער טאטע געהט ארום אהין און צוריק איבער די צימע־
רען אין שווערען שוויינען. מיר זיינען רואינירט. עס איז עפּעס
שווער צו בעגרייפען אזא גיכען איבערגאנג פון א גביר אויף אן
ארימאן...

עס זיינען צו אונז געקומען מענשען רואינירטע נאָך זייער
געלד. דער טאטע איז צו זיי ארוים און האָט זיי אויסגעצאָהלט פון
די טעכטער'ס נדן...

א גוטע נאכט, יוסף, לאָז מיך ניט לאנג ווארטען אויף מיין
איינציגער טרייסט, אויף דיינע ליעבע בריעף צו —

דיין יהודית.

21.

יולי 16.

שרייב יוסף, שרייב. דיין שרייבען דערוואַרימט מיך, ברייגגט מיך צו זיך און נעהענטער צו דיר... עס מאַכט צוגעהן דעם אייז, וואָס האָט ווי אַרומגענומען מיין נשמה.

יאָ. האָב מיך ליעב, שטאַרק ליעב, ווי דו קענסט. און פערלאַנג פון מיר ניט איך זאָל פון דיר וואָס פערלאַנגען. איך דאַרף מעהר גאָר ניט האָבען פון דיר ווי דיין ליעבע.

קלער גאָר ניט, אַז מיינע עלטערען זאָלען זיך לאָזען לייהען געלד פון דיינע. איך וואָלט דאָס ניט וועלען. ווען מיין טאַטע זאָל וועלען געלד קריגען, וועט ער עס קריגען ביי די, מיט וועלכע ער איז געשעפטליך פערבונדען. מיר זיינען רואינירט אין פערמע־גען, אָבער ניט אין נאָמען.

ביי אייך געלד לייהען... און מיר האָט זיך געדוכט, אַז דו ווילסט גאָר בעהאַלטען אונזער אָרימקייט פון דיינע עלטערען... וואָס פאַר אַ טרייסט דאָס איז פאַר מיר וואָס דו ליעבסט מיך אַזוי! „אין אונזער אומגליק נאָך מעהר“. אָה, איך וואָלט נאָך אומגליק־ליכער קענען זיין צוליעב נאָך גרעסערע ליעבע פון דיר...

אין די פינסטערע נעכט, ווען איך זיץ אַליין ביים פענסטער, רוף איך דיך שטיל — און וואָלסטו געקומען, וואָלט איך דיין האַנד גענומען און אַוועק אַהין וואו דאָס שרעקליכע האָט פאַסירט — אַוועק צום בית עולם, וואו אַ פרישער באַרג ערד ליעגט אויף די ניט־לאַנג בעגראָבענע... מיר וואָלטען דאָרט געשטאַנען און צו־געהערט זיך צום אונפערשטענדליכען געשפּרעך פון די ביימער, צום געהיימניספולען שווייגען פון די מתים...

— וועסטו קומען?

דיין יהודית.

22.

יולי 18.

וויסען שוין דיינע עלטערען פון אונזער — א ר י מ ק י י ט ? און זיי זיינען אין כעס ווארום מיר האבען גארנישט ?.. א גע־רעכטער כעס, יוסף... דו — דו — ווערסט דאכט זיך, אויך צ ו אונצופריעדען מיט דעם...

איצט וועלען זיי גאר ניט וועלען פון מיר הערען. וואס וועלען מ י ר טהאן ? וויינען פאר זיי, בעטען זייער ערלויבנים, אדער בע־געהן זיך אהן זייער גנעדיגער צושטימונג ?

רעדענדיג, שרייבסטו, וועלען מיר זיך צו עפעס דערדערען. אויסגעפינען א מיטעל ווי צו לעבען אהן וועמענס ס'איז הילף. אך, יוסף, ווען דו ז א ג ס ט מיר אזעלכע ווערטער, ווי די וועלכע דו האסט מיר אין בריעף געשריבען—ווי ווייט איך וואלט געוועןן פון צו טראכטען וועגען עטוואס פראקטישעס ! איך וואלט מיט צו־געמאכטע אויגען נאכגעפאלגט דיר אין דיינע פאנטאסטיש־טרוי־מערישע וועלטען...

דאך, פאנטאזיעס אן א זייט : איך האב א פראקטישען פלאן — פאהרען קיין אמעריקא. איך וויל דיר ניט פארשטעלען דאס, וואס איך שטעל מיר פאר, ווי גליקליך מיר וואלטען דארט לעבען. איך וויל, דו זאלסט לויט דיין אייגענער פארשטעלונג בעשליסען יא אדער ניט פאהרען.

עס ערווארט מיט אונגעדולד דיין ענטפער

דיין יהודית.

23.

יולי 20.

פערצייה מיר, יוסף, איך האָב ניט גערענקט אז וועגען דעם קען גאָר קיין פראַגע ניט זיין. איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז דו זאָלסט אויף רייזע קאָסטען ניט האָבען גענוג. מען וואָלט עס געקענט מאכען ביליגער. ווי פאָהרען אנדערע מיט'ן 2-טען און אפילו מיט'ן 3-טען קלאַס? איך רעכען מיך ניט אזוי צארט, אז מען זאָל מיך מוזען פיהרען מיט'ן 1-טען. —

איך מיין, יוסף, אז קלאסען שפיעלען ביי דיר א צו־גרויסע ראָלע... און דיין מורא פאר דאָס אונבעקאנטע אין א ווייטען לאנד, פאר זעלבסט־שטענדיגקייט — איז אויך צו־גרויס. פאר זעלבסטשטענדיגקייט דארף מען קעמפפען. דו ביזט ניט געוואָהנט דערצו. פערענטפער זיך ניט אזוי...

דו האָסט גערארפט פערשטעהן, ווען דו האָסט געטראכט וועגען פאָהרען, אז איך בין ניט אזעלכע, וואָס וואָלט דיר געוואָרען א צו־גרויסע לאסט. אָבער ווי עס ווייזט אוים איז אמעריקא דיר ניט צום הארצען, און איך וועל דיך מעהר אהין ניט רופען.

היינט איז פון אמעריקא א בריעף אָנגעקומען. זיי ווילען מיר שיקען א שיפסקארטע. איך דענק איך וועל זיי לאָזען שיקען. דאָס קען דאָך דיענען א גאנץ יאהר. ווער וויים, אפשר וועל איך מ ו ז ע ן פאָהרען. אפשר וועסט ד ו... עס קען אמאָל צוניץ קומען.

זיי געזונד און רוהיג. איך בין ניט בייז אויף דיר. האָסט גוט געטהאָן וואָס דו האָסט געשריבען דעם אמת. איך קען היינט מעהר ניט שרייבען, עס טהוט מיר אביסעל וועה דער קאָפּ.

דיינע מיט'ן גאנצען הארצען —

יהודית.

24.

יולי 24.

אָה, יוסף, ווי קינדיש דו ביזט מיט דיין דאנקען מיר פאר מיין ליעבקייט, מיט דיין מורא האָבען אז איך מוז פאָרט זיין אין כעס, חאָטש אביסעלע אין כעס אויף דיר!

איך האָב דיר היינט ניט קיין גוטע נייעס צו שרייבען. עס האָבען נעכטען ביינאכט אָבגעברענט 9 הייזער נעבען אונז — און אונזער הויז ביז האלב. מיר האָבען זיך אלע ארויסגעכאפט גאנץ, נאָר דעם טאטען איז שפּעטער געפאלען אין קאָפּ א ברענענדיג שטיק באלקען. ער ליעגט צו בעט.

איך קען מעהר ניט שרייבען. איך דארף זיין נעבען טאטען. די מאמע איז זעהר צובראָכען. אלעס זעהט איצט אויס ביי אונז, אין דעם האלב אָבגעברענטען הויז, זעהר טרויעריג. זיי געזונד און שרייב פון זיך בעכער.

דיין יהודית.

25.

יולי 28.

ניין, יוסף, מיר וועלען פון „סטראחאוואיע אבשטשעסטווא“ גאר נישט בעקומען. דער סראק פון סטראחאווקע האט זיך ניט לאנג געענדיגט. מען האט עס בעדארפט בענייען, אבער די צייט איז געוועזן אזא אונרוהיגע, אז מען האט וועגען דעם ניט געדענקט.

ניט זיין דערפון פערצווייפעלט? איך בין גאר ניט... איך בין נאר אונרוהיג פאר'ן טאטען. ער פיהלט שלעכט.

איך האב שוין צוויי נעכט ניט געשלאפען. איך וועל היינט ווייטער זיצען. ער שלאפט שלעכט. ער שלאפט גאר ניט. ער קוקט און טראכט. און מען טאר איהם ניט לאזען טראכטען.

4 א זייגער אין דער פריה.

ער האט נאר וואס איינגעשלאפען. ער האט געפרעגט וועגען דיר, צי ווייסטו וואס ביי אונז קומט פאר. איך האב געזאגט, אז דו ווייסט און ליידסט מיט; אז דו וואלסט וועלען קומען, נאר דיינע עלטערען שטערען דיר... ער האט מיין האנד גענומען, געקוקט א צייט אויף מיר און —

יוסף, האסטו וועןגעזעהן ווי א טאטע וויינט? א מאמען זעהן וויינענדיג איז ניט אזוי, אבער א טאטע אז ער וויינט...

איך קען ניט מעהר שרייבען. טרערען שטיקען...

דיין יהודית.

✤✤✤

26.

יולי 29.

יא, עס איז זעהר שלעכט. איך קען אָבער פון די צרות ניט אוועק און איבערלאָזען זיי אין גאנצען אויף אנדערע.

בעפעהלען דיר ערפילען מיינע ווינשע—אָה, יוסף, דו בעטסט מיך טהאָן א זאך וועלכע, איך וויים, דו וועסט ניט אימשטאנד זיין אויסצופיהרען: קענסטו אונז אונזער צורויבטען און פערברענטען פערמעגען אומקעהרען? קענסטו מאכען דער טאטע זאָל געזונד ווערען? אָדער קענסטו זיין שטענדיג נעבען מיר? — ניין, דו קענסט ניט יוסף, דו קענסט ניט...

קומען צו דיר — איך וואָלט, קלערסטו, דיינע עלטערען זעהר געפעלען ווערען. דאָס איז זעהר שעהן. דו האָסט זיך אָנגעבאפט אָן דעם פּלאַן, ווייל דיר האָט זיך געדאכט, אז דער פּלאַן וועט מיך ברייננגען גיכער צו דיר. מיט'ן הארצען בין איך ניט ווייט פון איהם, אָבער וואַרט נאָר אוים, זאָל דער טאטע געזונד ווערען, וועל איך זיך ניט אָבשטעלען פיעל טראכטען וועגען דעם חן, וואָס איך קען דאָרט געפינען ביי דיינע עלטערען. איך וועל טראכטען, ווי דו, נאָר פון אונזער גליק. א י ך זעה אין איהם ד י ך און דאָס איז שוין גענוג איך זאָל וועלען קומען צו דיר.

דיין יהודית.

27.

יולי 31.

איך האָב געוויינט, יוסף, לעזענדיג דיין בריעף, אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער פאַר מיר געווען אויך א טרייסט. דו ליידסט שטארק, דו ליידסט, ווייל דו ליעבסט מיך אזוי. אָה, ווי גערן איך וואָלט געפלויגען צו דיר דיינע ליידען צו לינדערען, מיין הערצענס געליעבטער, אָבער בעט מיך ניט איצטער. ביז דער טאטע וועט ניט געזונד ווערען, וועל איך דאָס הויז ניט פערלאָזען, מעג מיר ווי וועה טהאָן מיין הארץ אוים בענקעניש נאָך דיר. איך טאָר דאָס ניט, איך קען דאָס ניט!..

דער רב איז ביי אונז היינט געווען מבקר חולה זיין. ער האָט אָבגעבראכט די צואה און געטרייסט דעם טאטען אז ער וועט אין 120 יאהר ארום אימשטאנד זיין נאָך א גרעסערע צו שרייבען.

דער טאטע האָט נאָר מיט׳ן האנד א מאך געטהאָן און דעם קאָפּ צו דער וואנד אָבגעקערט.

דער רב האָט געפרעגט צי האָבען אונז איייגע (דו קענסט זיי ניט) אָבגעצאָהלט די חובות.

— „אלטע חובות“ — האָט דער טאטע געענטפערט — „אזעלכע גיט מען אָב אמאָל... נאָכ׳ן טויט... דער אלמנה... אויב זיי וועלען דאָס טהאָן, וועט זיי קומען א דאנק פון יענער וועלט...“

— „רעדט ניט אזוי. איהר וועט נאָך אויספיהרען אייער וועלט מיט אייערער. איהר דארפט נאָך פערזאָרגען אייערע קינדער—“

— „זיי זיינען שוין פארזאָרגט...“

— „האָפּט צו דעם וואָס לעבט איביג, איהר וועט לעבען, ס׳איז אלץ ביי איהם אין די הענד“.

— „ווער ווייס ביי וועמען אין די הענד מען איז. מ'איז א הפקר זאך!"

— „ניט זינדיגען זאָלט איהר מיט די רייד".

דער טאטע האָט א זיפץ געטהאָן און ווי געזוכט וועמען ארום זיך מיט די אויגען. איך בין צו איהם צוגעגאנגען, פערריכט די קישען; דער רב האָט זיך געזעגענט און איז אוועק.

„האָסט געהערט יהודית? האָט ער געפרעגט. אויף דאָס ניי איצט נעהמען בויען, וואָס ס'איז נאָך יאָהרען־לאנגער ארבייט צו־שטערט געוואָרען? — דו האָסט געוויינט? ניט דערשלאָפען? ווי בלאס דו ביזט —"

ער האָט גענומען מיין קאָפּ אין זיינעביידע הענד, האָט אריינגעקוקט אין מיינע אויגען — אזוי טיעף געקוקט, ווי ער וואָלט אין זיי געזוכט דעם פערבאָרגענעם שיקזאל פון מיין צו־קונפט — און טרערען האָבען זיך געוויזען אין זיינע אויגען... איך האָב מעהר ניט געקענט אויסהאלטען. מיין קאָפּ איז געפאלען אויף זיין קישען. אונזערע טרערען האָבען זיך אויסגעמישט...

פערצייה מיר, יוסף, פערצייה

דיין יהודית.

28.

אוגוסט 8.

אכט טעג האָב איך דיר ניט געשריבען...

דו ווייסט שוין, אז דער טאטע איז פאראכטאָגען געשטאָרבען פון געהירן ענטצינדונג. אראָן האָט דיר אלעס געשריבען. אלעס? ניין. דאָס טרויעריגסטע איז אזוי טיעף פעבאָרגען, אז קיינער קען עס ניט זעהן. די טרערען לויפען פרייער, ווען עס זיינען ניטאָ קיין פרעמדע ארום זיי צו צעהלען...

איך קוק אהין, וואו ער איז געלעגען, און מיר טהוט וועה פארוואס איך האב איהם אין לעבען מעהר ליעבע ניט ארויסגעוויזען.

א טאג פאר זיין טויט האט ער מיך ווידער געפרעגט וועגען דיר. איך האב איהם דערצעהלט ווי שטארק מיר ליעבען זיך, ווי גליקליך איך וועל זיין ווען ער וועט געזונד ווערען און דו וועסט קומען. ער האט מיך געבענטשט... ווי א היילינער האט ער אויסגעזעהן —

איך קען מעהר ניט שרייבען, יוסף; דו ביזט ל ע ב ע ן און מיך ציהט איצט צו יענעם ארט, וואו ער איז געלעגען. איך וויל דארט זיצען, טראכטען וועגען טויט. —

דיין יהודית.

29.

אוגוסט 15.

טייערער יוסף, די לאגיקע רעדט צום קאפ, ניט צום הארצען. פערפאלען. ער איז געשטארבען. מיר לעבען און דארפען עפעס טהאן פאר אונז. וואס טהאן? די מאמע טהוט איין זאך און וויינט. איך קען זי ניט טרייסטען. עס וואלט ביי איהר אויסגעקומען ווי א בעליידיגונג פון מיין זייט אנטקעגען דעם אנדענקען פון אונזער טייערען פערשטארבענעם. זי איז טרייסטלאז. איהר דארף מען לאזען וויינען. זי איז צו שוואך צו קענען פערשטיקען אין זיך אזויפיעל טרויער.

ווי פול דו ביזט מיט לעבען! ווי שעהן דו טרוימסט!

איך האב נאך און נאך אמאל געלעזען וואס דו שרייבסט, יוסף. איך געה מיט דיר, זאג נאר וואוהין. וואו איז דיין „ווייטע ווייטקייט“?

דיין יהודית.

30.

אוגוסט 20.

מיין טייערער יוסף! ווי גליקליך דיין בריעף האָט מיר גע־מאכט! די שיפסקארטע איז מיר נאָך נעכטען אָנגעקומען, אָבער איך האָב דיר וועגען דעם ניט געוואָלט שרייבען, ביז וואנען איך וועל ניט הערען פון דיר וואוהין דו ווילסט מיך נעהמען, וואו דיין „וויט וויט" איז. איך האָב דיין בריעף ניט געקענט לעזען כסדר, אזוי נייגעריג בין איך געווען צו וויסען וואוהין דו רופסט מיך. און איצט ווייס איך, אז דו ווילסט עס צוליעב מיר, צוליעב אונז אלע־מען — ווי גוט און געפיהל־פול דו ביזט, יוסף!..

די טאנטע שרייבט איך זאָל ארויספאָהרען וואָס גיכער און זאָל בעטען אַ ברכה ביי'ם טאטען אויפ'ן וועג... די מאמע האָט זיך צעוויינט. ווי אונגליקליך זי איז! ווען איך האָב דאָן דיין בריעף, וואָלט איך זי טרייסטען דערמיט, וואָס ד ו קומסט אונז צו... ד ו ווילסט מיט אונז פאָהרען קיין אמעריקא! יוסף, טייערער, איך וועל לאָזען אַ ווייל דאָס שרייבען. איך הער די מא־מען לייענענדיג איוב מיט אזא צובראָכען הארץ. איך וועל איהר מיטטיילען מיין גליק, איך טאָר עס איצטער ניט האלטען אין גאנ־צען פאר זיך. —

דיין יהודית.

****

31.

אוגוסט 24.

יא, יא, מיר וועלען זיך אזוי ליעבען, ווי קיינער נאך ניט אויף דער וועלט. מיר וועלען זיין גליקליך און שטאלץ, און אונ־אבהענגיג. מיר וועלען נאך אנדערע לערנען צו ליעבען און גלויבען אין ליעבע. אלץ וואס דו שרייבסט, יוסף, איז אזוי ליעב. דיינע האפנונגען זיינען מיינע. מיר דוכט איך קוק איצט מיט דיינע אויגען און מיר איז אזוי גוט...

בעת דו ביזט געזעסען האב איך אלץ מורא געהאט דו זאלסט זיך ניט פערקוקען אין אן אנדער זייט און אוועקגעהן צו די גע־גענוווארטס־איסטען. איצט האב איך שוין קיין מורא ניט. דו ביזט מיינער, אין גאנצען מיינער! ניין, איך וואלט געקעמפפט אפילו אנטקעגען דער „בעסערע העלפט" דער מענשהייט, אויב זי וואלט דיך וועלען ברייגגען אלס קרבן פאר איהרע פויערים. מיר האבען א ו נ ז ע ר מזבח!

אלזא, פאהרען מיר, יוסף. דיענסטאג 10 אזייגער אין אבענד וועלען מיר זיך טרעפען ביי „ברידער וואכמאנס"! ווייסט, יוסף, עפעס שרעקט מיר אזוי מיין הארץ, אז ווען דו וואלסט ניט געווען אונטער פאליציי־אויפזיכט וואלט איך געוואלט מיר זאלען ארויסנעהמען אויסלענדישע פאספארטען. מען קעהרט אום אזוי פיעל מענשען פון גרענעץ...

נו, מען דארף אנפאנגען געהן זיך זעגענען און דערנאך יוסף — צו דיר... צו ד י ר, מיט מיין גאנצען לעבען, מיט מיין גאנצער נשמה...

דיין יהודית.

32.

אוגוסט 31.

יוסף, איך בין דאָ, איבער'ן גרעניץ. איך קוק אין דער ריב־טונג, פון וועלכער דו דאַרפסט קומען. זיי זאָגען, דו וועסט קומען מיט דער צווייטער פּאַרטיע. איך וויל גערן צוריק, זיין נעבען דיר — לאָזט מען ניט. זיי ווילען ניט ריזיקירען מיט „א קאָפּ", גנבה'נען צוויי מאָל דעם גרעניץ. —

יוסף, יוסף, מיין הארץ ווערט דאָ אלע ווייל'ע ווי פערשטאָרבען פאר דיר...

איך האָף אז דער מענש, וואָס וועט דיר איבערגעבען דעם בריעף, וועט קומען בשלום מיט דיר צוריק.

דיין יהודית.

33.

אוגוסט 31, אָבענד.

יוסף, די צווייטע פּאַרטיע איז געקומען אָהן דיר און אָהן דעם מענשען, מיט וועמען איך האָב דיר היינט פריה דעם בריעף גע־שיקט. זיי זאָגען אז דו וועסט קומען פּאַרטאָג מיט דער דריטער. זיי זיינען זעהר צוטראָגען. איך קען פון זיי גאָרנישט דערגעהן וועגען דיר. זיי ריידען האלבע, אונפערשטענדליכע ווערטער, אָדער ענטפערען גאָרניט. ארום שבת געהט אָב די שיף. זיי ריידען וועגען אויסריכטען צו דער שיף. דאָ טאָר מען קיין איבריגע צייט ניט פערליערען. וואָס זאָל איך טהאָן? וואָס זאָל איך טהאָן!

איך שטעה און קוק און וואַרט אויף דיין קומען.

דיין יהודית.

✤✤

34.

סעפּטעמבער 2.

איך בין אין ב.... די שיף געהט היינט אָב. מען וויל מיך אריינשרייבען צווישען אלע וואָס פאָהרען, אָבער איך וויל ניט פאָהרען אָהן דיר. וואכמאנס האָבען מיר דאָרט געזאָגט, אז דו וועסט קומען גלייך אהער. אך, ווען איך וואָלט זיי אזוי רוהיג קענען גלייבען ווי רוהיג זיי זאָגען דאָס! איך פרעג זיי און זיי קוקען מיך אזוי אָן, שווייגען און נעהמען ענטפערען אימיצען אנדערס. זיי האָבען מיר פערזיכערט אז דיר האָט דאָן, אינ'ם טומעל און שיסעריי קיין שלעכטעס ניט געשעהן (ווער וויים, וואָס ביי זיי הייסט שלעכטעס?) נאָר פערהאלטען ביים גרענעץ און צוריק געקעהרט. צוריק? וואוהין? זיי שווייגען. —

איך שיק דעם בריעף צו די וואכמאנס פאר דיר. שרייב גלייך אהער. דו ווייסט דעם אדרעס.

דערווירטה פון האָטעל האָט מיר איצט געזאָגט, אז אויב איך פערבלייב ווארטען אויף א צווייטע שיף, מוז איך דאָ פאר אלעם צאָהלען, ווייל איך פערבלייב צוליעב אייגענע אורזאכען. איך פערבלייב דאָ ווארטען אויף דיר. איך קען אָהן דיר ניט פאָהרען.

דיין יהודית.

35.

סעפּטעמבער 4.

איך האָב ערשט ערהאלטען דיין בריעף פון דיין חיים, דורך די ברידער וואכמאנס. ווי מאָדנע דו שרייבסט! ביזטו עס אזוי ערביטערט פאר וואָס מען האָט דיר פון גרענעץ צוריק־געקעהרט, אָדער... אָדער פאר וואָס איך האָב דיר ניט ערלויבט ביי די וואכ־

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

מאנ׳ס אין הויז איבערטרעטען דעם גרעניץ פון ליעבעס־פריידען?.. „אלע, — דארט, אין האטעל, האבען דיך פאר מיין פרוי גערע־כענט און דו מיך — גאר אלס פרעמדען...״ א ל ס פ ר ע מ ־ ד ע ן, יוסף! דיין ליידענשאפט האט געקענט פער׳שכר׳ן, זי איז געוועזן צו שטורמיש און איך בין געבליבען ניכטער... ווען איך האב אין דיר פלוצלונג דערזעהן אן אנדערען, האב איך דיך... ניין, ניט ד י ך, נאר דעם א נ ד ע ר ע ן געבעטען מיך צו־רוהה לאזען אהן ווערטער... דו האסט עס פערשטאנען, דו ביסט בלאס געווארען, האסט געציטערט און געזוכט צו בעהאלטען פון מיר דיין געזיכט. מיר האט זיך דאן געוואלט קושען דיינע הענד, פאלען דיר צו די פיס, שטארבען פאר דיר!

האב איך דיר וועה געטהאן, יוסף? אה, זאג, אז נ י ט! איך פיהל מיך אונשולדיג און דאך, פערגיעב מיר, פערגיעב...

איך ווארט מיט אונגעדולד אויף דיין קומען. ווי לאנג וועל איך דא נאך דארפען אויף דיר ווארטען? אה, ווי שרעקליך לאנג די צייט ציהט זיך דא!

נור די טרייסט, אז איך ווארט ניט אומזיסט, גיט מיר מוטה דאס איבערצוטראגען. —

דיין יהודית.

✤ ✤ ✤

36.

סעפטעמבער 7.

יוסף, צווישען די שורות פון דיין בריעף וואס איך האב היינט ערהאלטען, בלאזט אזוי ווי א בייז ווינטעל... האט מיין „קאלט־קייט״ דיר ווירקליך אזוי פיעל שמערצען פערשאפט? האסטו ווירקליך געפיהלט, אז איך ליעב דיך ניט אזוי היים ווי דו מיך? אז איך האב קיין צוטרויען צו דיר?..

גלויב מיר, יוסף, אז איך בין איצטער גאָר ניט אויפגעלעגט צו דעבאַטירען וועגען „שטורמישע צוזאַמענשטויסונגען פון צוויי ליעבענדע זעעלען“, און „אויף ווי וויט היים־ליעבענדע מעגען פער־געסען אָן די גאַנצע וועלט“.

איך וועל זיך ניט פערענטפערען. קענסט מיך פערגלייכען, אויב דו ווילסט, צו מיין מאַמען אָדער צו מיין באָבען. זיי זייי־נען אויך געווען „גלייכגילטיגע“, ניט פערכאַפּט דעם וועג, ניט גע־יאָגט זיך נאָכ'ן געַנוס פון מאָמענט. זיי האָבען אָבער געליעבט טריי, איבערגעבען דעם גאַנצען לעבען — וואָלסטו דען וועלען, איך זאָל זיין ווי אנדערע „פּאַרטגעשריטענע“?..

איצט גלויב איך שוין ניט אין דיין קומען אהער. צום אונגליק איז פאַראַן א גרעניץ, וועלכען מען לאָזט ניט גנבה'נען... אָב־שטעלענדיג זיך קומט ארויף אויפ'ן געדאַנק: וואָס וועט זיין שפּע־טער?.. איך פיהל — מיין הארץ קען מיך ניט אָבנאַרען — אז עס האָט זיך צוריקגעקעהרט צו דיר דער שרעק „פאַר'ן גאַנצען לעבען“...

די וואָך געהט באַלד אויס. מיינע פינאַנסען קענען אויך זיך ניט לאַנג האַלטען. וואַרטען לענגער אויף דיין „פּילייכט“, „מעג־ליך“, וואהרשיינליך“ איז מיר אונמעגליך. גלויבסט דאָך אליין ניט אין דיין קענען איצט מיט מיר פאָהרען. זאָל איך אפשר צוריק פאָהרען אהיים? דו שרייבסט גאָר ניט וועגען דעם. פון דיין שוויי־גען קומט אויס, אז איך מוז סיי ווי סיי פאָהרען. יאָ, איך מוז זאָר־גען פאַר דער מאַמען און די קינדער...

אָה, יוסף, ווען דו וואָלסט ווייסען, וואָס עס טהוט זיך איצט ביי מיר אין הארצען! ווי אומעטיג מיר איז אָהן דיר, ווי טרויעריג! און וועך ווייס אויף ווי לאַנג מיר שיידען זיך איצטער! דאָס הארץ ציטערט מיר, דאָס שיקזאַל אָבער טרייבט אין וויטען וועג, עלענד און אליין

דיין יהודית.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

37.

סעפטעמבער 9.

באלד געהט אָב מיין שיף. מיינע זאכען זיינען שוין צוגענו־מען, מיין נאָמען פערשריבען צווישען אלע פאסאזשירען: איך פאָהר.

איך קוק אויף דעם מעדאליאָן מיט דיין בילד אין איהם, וואָס דו האָסט מיר געשענקט יענעם גליקליך־אונגליקליכען אָבענד אין האָטעל. דאָס דימענטעל אויף׳ן גאָלדענעם דעקעל קוקט צו מיר ווי אן עלענדער שטערענדעל... איך קוק אויף דיין בילד, — דאָך פיהל איך אז דו פעהלסט מיר: דו אליין האָסט דאָ געדארפט זיין...

די עטליכע ווערטער, וואָס איך האָב נאָר וואָס ערהאלטען פון דיר, געשריבען ווי עס ווייזט אוים אין אַ נערוועזען צושטאנד, זיי־נען ניט שטארק גענוג זיי זאָלען קענען אריבערוועגען דעם שיקזאל פון מיין הויז־געזינד. פאָהרען צו דיר וואָלט הייסען אָפּפערען זיי דעם צופאל. דען דו ביזט אליין אונטערוואָרפען דעם קאפריז פון דיינע עלטערען.

איך פאָהר איצט און וועל דאָרט אויף דיר ווארטען. ניט זיי פערצווייפעלט. מיר וועלען שמיעדען לאנגזאם, אָבער דערפאר זי־בערער דעם בריק צו אונזער גליק.

מיט אַ ווייל צוריק האָב איך געפיהלט אזוי שוואך און הילפ־לאָז. איצט האָב איך אין מיר אַ מאָדנע שטארקייט דערפיהלט. איך גלויב, יוסף, אז איך וועל זיין שטארק גענוג אויסצופיהרען די פליכטען, וואָס דאָס שיקזאל האָט אויף מיר ארויפגעלעגט.

איך קוש דיין בילד אין מעדאליאָן. איך טראָג איהם אויפ׳ן הארצען. דיך טראָג איך אין הארצען.

דיין יהודית.

38.

ניו יאָרק, אָקטאָבער 5, 1904.

מיין ליעבער יוסף!

איך בין ערשט געקומען. צווישען אומארמונגען און בעגריי־סונגען שרייב איך דיר עטליכע ווערטער. איך בין אריבערגעקומען די שווערע עמיגראציאָנס־פונקטען נאָך דער שטורמישער ים־רייזע גאַנץ און אונבעשעדיגט.

איך האָב ערווארט צו טרעפען דאָ א בריעף פון דיר. עס וועט מסתמא אָנקומען מאָרגען, איבערמאָרגען. איך וועל דאַן מעהר שרייבען. איך בין איצט זעהר מיעד.

פון דערהיים האָב איך דאָ צוויי בריעף געטראָפען. זיי שריי־בען ווי זיי בייגקען נאָך מיר,

דיין יהודית.

39.

ניו יאָרק, אָקטאָבער 7.

איך האָב היינט ערהאלטען דיין בריעף. איך האָב איהם דריי מאָל געלעזען; מיר האָט זיך איהם געוואָלט מאכען גרעסער ווי ער איז... יאָ, איך ווייס, ווען עס איז שווער אויפ'ן הארצען, ווייל די נאהענטע איז פון דיר אוועק, קען זיך ניט שרייבען. די פען פאלט פון האנד, די געדאנקען טראָגען זיך גלייך צו דער בעליעבטער פערזאָן. אָבער זעלטען קומען זיי אָן אין גאנצען. מען וואָלט בע־דארפט אויסגעפינען א געדאנקען־טעלעגראף...

איך האָב דעם גאנצען וועג געדענקט און געטראכט וועגען דיר. מיר פלעגט זיך צייטענווייז דוכטען אז דו זיצט נעבען מיר.

איך האָב אויסגעמיעדען צו שליסען בעקאנטשאפט. מיר האָט זיך געוואָלט זיין אליין מיט זיך. דער ארומיגער, אָפט הילכיגער

געלעכטער און געזאנג פלעגט מיר מאכען פיהלען נאָך עלענדער, נאָך יתום'דיגער...

איינער פון די מיט־רייזענדע — אן ענטטוישטער אין זיין געליעבטער — האָט געצויגען מיין אויפמערקזאמקייט ווען ער פלעגט ריידען וועגען ליעבע. ער האָט אָבגעלייקענט די אמת'ע ליעבע און האָט עס אָנגערופען אן איבערגאנגס־קראנקהייט. זיינע רייד פלעגען ארויסרופען אין מיר א שלעכטע שטימונג. ער האָט מיר אויסגעזעהען ווי א שליח פון שלעכטע גייסטער צו פערפאָלגען די ליעבענדע, גלויבענדע הערצער.

די רייזע האָט זיך מיר אויסגעוויזען אונענדליך לאנג: דו ביזט ניט געווען מיט מיר. —

דער אָנקעל און די טאנטע האָבען מיך פריינדליך בעגעגענט. די טאנטע האָט געוויינט פאר פרייד. איך עראינער איהר אָן איהר היים, אָן איהר יוגענד, אָן מיין מאמען. איך בין שוין היינט אָנגע־טהאָן אין אמעריקאנישע זאכען. די שיך זיינען נאָך „גרינע". אָבער ווער קוקט זיך דאָס צו צו די שיך?

איך האָב דאָ א קאזען בעני, א קאזען מייק, א קוזינע דזשעסי מיט א סך גאָלדענע צייהן און א קוזינע סעדי, א טומעלדיגע מיידעל. זיי רעדען אלע ענגליש און א זעהר געבראָכענעם אידיש.

מען האָט מיר געגעבען א בעזונדער צימער'ל. דאָס פענסטער קוקט ארויס אויף א גראָע וואנד פון א זעקס־זיעבען שטאָקיגען מויער. מיר וואָהנען אויפ'ן צווייטען שטאָק. אין מיין צימער'ל (רומקע) שטעהט א גרויסע בעט, א קליינער טישעל און צוויי שטו־לען. אויף איינעם זיץ איך איצט און שרייב דיר דעם בריעף. אין הארצען ציהט... עס ציהט צו דיר... אָה, ווי ווייט מיר זיינען איינער פון דעם אנדערן —

יוסף, דו וועסט דאָך ניט ווארטען ביז וואנען דו וועסט אן ענטפער אויף דיינעם א בריעף בעקומען. איך וועל אלע טאָג פון דיר א בריעף ערווארטען, א ל ע ט אָ ג. און וועט מיך אָבנארען דער ה י י נ ט, דער מ אָ ר ג ע ן, וועל איך אויפ'ן איבערמאָרגען ווארטען.

דיין יהודית.

40.

ניו יאָרק, אָקטאָבער 12.

— — א געפיהל, אן אָבגעשוואכטער פון צופיעל פיהלען, ראנגעלט זיך אין מיר און וויל זיך בעפרייען פון'ם קאָנטראָלירענ־דען געדאנק. און עס יאָגט זיך איין געדאנק נאָכ'ן אנדערן, קלאפּען זיך אן און — צוברעכען זיך...

זאָל איך דיר שיקען צובראָכענע געדאנקען? — איך האָב דאָך אין דיין בריעף אויך זעהר וועניג גאנצע געפונען. שרייבען אזוי, אז „עס זאָל זיך צו דיר דערנעהנטערען מיין גייסט" — אך, יוסף, צו וואָס זיך נארען? איך פעהל דיר, מיך ווילסטו האָבען, ניט מיין גייסט. איך האָב זעהר פיעל געטראכט וועגען דעם און האָב שוין דאכט זיך דערמיט האלב שלום געמאכט... פריהער האָב איך דיך פאר צופיעל גאָט גערעכענט, אָבער ווען איך האָב זיך גוט אריינגעטראכט וועגען אנדערע מענשען, האָב איך אין דיר מעהר מענש דערזעהן.

יאָ, וואָס ביזטו שולדיג, וואָס דו ביזט בעשאפען געוואָרען מיט אזא ליידענשאפטליכער נאטור; וואָס דו פערגעסט אין דער ליעבע דעם מלאך און זוכסט אין איהר נור דעם מענשען? —

וואָס זאָל איך טהאָן צו ווייזען דיר ווי שטארק איך ליעב דיך? דאָס איז א זאך פון גלויבען, פון פיהלען. עס איז געווען א צייט, ווען מיר האָבען זיך אָהן ווערטער פערשטאנען, ווען דו האָסט אויס־געלייענט אין מיינע אויגען וואָס איך טראכט פון דיר...

יוסף, מיר איז שווער, אזוי שווער אויפ'ן הארצען... עס דריקט אזוי... אָבער ניין, איך וויל ניט מיין בריעף זאָל זיך שליסען מיט טרערען... איך ווייס אז דו קענסט עס ניט ליידען...

דיין יהודית.

41.

ניו יאָרק, אָקטאָבער 20.

מיט א שטארק־קלאפּענדען הארץ האָב איך היינט ביי דזשע־סי'ן דיין בריעף געגומען. זי האָט געלאכט פון די „גרינע" וואָס זיי האָבען צו טהאָן אזוי פיעל מיט „לעטטערס". „מיר פערנעהמען זיך ניט מיט אזעלכע נארישקייטען, אמת, לואי?" האָט זי זיך גע־ווענדעט צו איהר „פריינד". ער איז א צוקינפטיגער דאָקטאָר, אויף אויסצאָהלען. זיי גיעבען איהם געלד אויף שטודירען, און ווען ער וועט ענדיגען וועט ער דארפען זי הייראטען.

— „ווירקליך, איהר בעקומט אזוי אָפט לעטטערס. פון וועמען איז דאָס? איך האָב שוין געקלערט..." האָט ער געפרעגט.

— „פון די, וועלכע שרייבען אָפט" — האָב איך איהם גע־ענטפערט.

איך בין אוועק צו זיך. איבערגעלעזען דיין בריעף און מיך האָט בעהערשט א געפיהל פון מאָדנער דאנקבארקייט, פאר אלעס...

דעם אָנקעל פאר וואָס ער זאָגט יעדעס מאָל ווען ער זעהט מיך, אז איך בין א שעהן מיידעל און פערשפּרעכט מיר צו קריגען א ריי־כען חתן.

דער טאנטע פאר וואָס זי הערט ניט אויף מיך צו בעקלאגען וואָס איך בין געבליבען אן ארימע יתומה; פאר וואָס זי האָט מיך געלאָזען אזוי גיך געהן ארבייטען; (אין אמעריקא ארבייטען אלע) און פאר וואָס זי נעהמט ביי מיר געצאָהלט פאר אלעס, וויבאלד אז איך וויל אזוי.

איך בין דאנקבאר דזשעסי'ן פאר ניט וועלען ווייזען מיך צו איהר „געלע" געזעלשאפט ביז איך וועל מיך גוט אויסלערנען ענג־ליש. גוט קענען ענגליש דארף לאנג נעהמען, זאָגט זי. איהר „פריינד" דיינקט אנדערש.

מויק׳ן — פאר וואָס ער שטיפט און מאכט געוואַלטען דוקא אונטער מיין פענסטער ווען איך שרייב, לעז אָדער טראכט.

סיידי׳ן — פאר וואָס זי לאכט פון מיינע גרינע שיך און פאר וויזען מיר ווי מען דארף אין אמעריקא געהן, שטעהן, זיצען, רעדען עפענען און צומאכען דאָס מויל. — און איך בין דאנקבאר דיר — פערצייה וואָס דיר צולעצט: ווייסט דאָך, „דער לעצטער אָבער ליעבסטער" — וואָס דו האָסט זיך מיט דער הילף פון דיין געזעל־שאפט געלאָזען אַרויספיהרען פון א שלעכטער שטימונג. געוויס קאָסט צופיעל ביינקען צופיעל געזונד. איך וויים דאָס... אננא אנדרעיעוונא פערשטעהט גאָר ניט פאר וואָס דו ווילסט אזוי פער־לאָזען רוסלאנד. אבי דו פערשטעהסט... און פארוואָס זאָלסטו איהר טאקע ניט זאָגען אז איך בין דאָס די, וועלכע ציהט דיך אוועק פון יענעם ברייטען פעלד פאר הייליגער ארבייט, וואו עס איז אמאָל אזוי פרעהליך?.. רוסישע סטודענטען האָבען ליעב אמאָל פרעה־ליך צו זיין, אין זיי מוז זיין מעהר לעבען ווי אין אידישע. —

זיי געזונד און פרעהליך. — מעגליך אז איך וועל ניט שרייבען מעהר ביז איך וועל פון דיר בעקומען אנטוואָרטען אויף מיינע בריעף.

איך האָף דערפאר דיין דאנקבארקייט צו פערדינען —

דיין יהודית.

42.

ניו יאָרק, נאָוועמבער 9.

יא, איך האָף, אז דיר וועט זיין זעהר אנגענעהם צו וויסען, אז עס קלאפט אזוי שטארק פאר דיר א הארץ ערגעץ אויף יענער זייט ים. דו וועסט ערווארטען און לעזען מיינע ליעבע בריעף, וועלכע ציהען דיך, און רופען דיך צו מיר... אבער ווייסטו וואס איך האָב

היינט בעשלאסען? — ניט מעהר דיך „רייצען מיט ליעבע פון ווייטען". — מיינע בריעף, פון היינט אן, וועלען ווארטען אויף דיינע, עס מעג זיך ציהען א מאָנאט אדער מעהר — וואס מאכט עס אויס? מיר זאגט דאס הארץ, אז ניט נור נאָך איין מאָנאט וועט אוועק אין בריעף-שרייבען. —

דו וועסט נאָך קומען אמאָל ,זאָגסטו, צו דיין גליק, ווען אפילו אויף איין מאָמענט. דו ווילסט קענען זאגען: „איך בין געוועזן גליקליך האטש איין מאָמענט".

צוליעב איין מאָמענט גליק וואלט איך דיר ניט ראטהען זיך אין וועג צו לאזען. דיין „גליק" שטעלט גרעסערע פאדערונגען. זי וויל א סך. א סך מאָמענטען גליקליכע... און זי וויל זיי איצט, ניט צו-שפּעט...

איך האָב דיר ניט געשריעבען פון דעם שטורם אויפ'ן ים, ניט אוים מורא דיך איבערצושרעקען, — וואלסטו דען ניט קענען, ווי איך, אויסהאלטען א שטורם? דער שטורם פון ים איז, דאכט מיר, ניט געווען גרעסער פונ'ם שטורם אין מיר, אינ'ם ים פון מיינע געפיהלען. יענער שטורם, פון וועלכען די צייטונגען האָבען געשריבען, איז שוין לאנג פאָראיבער; פון דעם אנדערן, דעם שווערערען, האָב איך דיר, דאכט זיך, יא אביסעל געשריבען. —

מיט מיין ארבייט'ען אין „שאפּ" — ביי זיידענע העמדלעך — געהט עס ניט שלעכט, נאר איך וואלט וועלען מאכען מעהר געלד. זעהסט, ווי מאטעריאליסטיש איך בין שוין געווארען.

איך גריס דיין קליין שוועסטערל. איך האָף, אז זי איז שוין געזונד. עס איז געווען גוט פון יענער בעקאנטער צו קומען און זיצען נעבען איהר אן אווענד.

זיי געזונד און פרעהליך,

דיין יהודית.

פּ. ס. — איך וועל זיך נאָכפרעגען וועגען דאָס לעבען דאָ פון די היימישע אינטעליגענטען.

43.

ניו יאָרק, נאָוועמבער 15.

יא, זאָל זיין, אז זיי זיינען שלעכטע, דיינע עלטערען; אז עס איז שווער מיט זיי צו שטימען. אבער אין די גוטסקייט פון דיינע נייע פריינד גלויב איך אויך ניט. יוסף, דיין גלויבען אין זיי ברייגט מיך מיט צו טאן היינט א זאך, וואס איך וואלט זאנסט ניט געטאן. ווייסטו ניט, ווער פון דיינע בעקאנטע האָט צו מיר געקענט שרייבען די פאלגענדע צייליען?

„עס זיינען פאראן מענשען, וועלכע האָבען ליעב צו בייטען אידעען און אידעאלען. אין אזעלכע מענשענס ליעבע קען מען ניט זיכער זיין. עס איז בעסער, ווען מען זאגט זיך אב פון אזא... אזעלכער פערגעסט די ווייטע... אזעלכער ליעבט די, וועלכע איז נאָהענט!"...

איך האָב וועניג צוטרויען און נאָך וועניגער רעספעקט צו אנאָנימע בריעף, דאך וויל איך, דו זאָלסט אויסגעפינען ווער איז דער — אדער די — וואס ווייס ביי דיר מיין אדרעס און טייטשט דיך אוים אזוי שלעכט? —

דיין יהודית.

44.

ניו יאָרק, נאָוועמבער 20.

עס קען זיין, יוסף, אז דו האָסט רעכט: איך קען דיך נאָך ווע־ניג. וועמעס שולד איז דאָס אבער, — מיינער, פאר וואס איך דער־קען שלעכט א מענשען, אדער דעם מענשענ'ס, וועלכער לאָזט זיך *שלעכט* קענען?..

ביזט א גוטער פאר דיין וועלען קומען אהער *צוליעב מיר*. ווייסטו אבער, אז אויב דיין „צוליעב מיר" בעפרידיגט מיך פון איין זייט, בעליידיגט עס אביסעל פון דער צווייטער: *צו־ליעב מיר* — נו, און *צוליעב זיך*? פון *דיינט־וועגען* מאכט ניט אויס זיין דאָרט?

אבער גענוג וועגען דעם. איך וועל דיר בעסער שרייבען א נייעס: איך האָב איצט א בעסערען פלאַטץ ווי פריהער און פערדין צוויי מאָל אזוי פיעל.

איך שיק היינט מישא'ן געלד אויף א ווארימען מאנטעל און קאלאָשען. די מאמע האָט מורא, ער וועט זיך פערקיהלען, און ער אליין אויך. צו פיעל פרעגט ער זיך נאָך, אויב אין אמעריקא איז אזוי קאלט ווי ביי זיי. ער פרעגט אויך, וואס קען דא אזא מענש, ווי ער, טאָן, צי ער וועט נאָך מוזען לערנען אדער ער קען שוין געהן ארבייטען.

בערמאן דענקט צו פאהרען נאָך פאלעסטינא. העניע האָט אויך חשק אהין צו פאָהרען. רחל מיט שימקע'ן לערנען זיך נעהען און אביסעל ענגליש. איך האָב זיי געשיקט ביכער צום לערנען. וואס זאָל איך דיר נאָך שרייבען? עס איז שוין צוועלף אזייגער ביי נאכט, אויפשטעהן דארף איך אום זיעבען.

זיי געזונד. שרייב אָפטער.

דיין יהודית.

45.

ניו יאָרק, דעצעמבער 11.

מיין ליעבער! ערשט איצט האָסטו געמאכט די ענטדעקונג, אז אונזערע כאראקטערען געהען זיך פאנאנדער, אז איך ליעב זיך גאר צופיעל!

און דו ליעבסט מיך דען ניט צופיעל? ליעבען מיר אלזא ניט ביידע גלייך איינע און דיזעלבע? אָט זעהסטו, ווי אונזערע כא־ראקטערען שטימען צום ווענינסטען אין איין פונקט...

אבער זאל שוין טאקע זיין גענוג צו רעדען אזויפיעל וועגען זיך. איך וועל דיר בעסער ענטפערען אויף דיינע פראגען וועגען אונזערע אינטעליגענטען אין אמעריקא. דער פונקט, ווייזט אויס, אינטערעסירט דיך אזוי שטארק. דאס איז זעהר פראקטיש.

דאָ זיינען ניטא אזויפיעל אוראָקען־געבער ווי ביי אונז. דער אונטערריכט איז דאָ פריי אין די פאלקס־שוהלען, ווי אויך אין די העכערע בילדונגס־אנשטאלטען. די שטודירענדע רוסיש־אידישע יוגענד צייכענט זיך דאָ אויס אין פיעלע הינזיכטען. די היעגע אמעריקאנישע סטודענטען יאגען זיי אריבער נור אין ספאָרט.

דיינע בעקאנטע זיינען הפנים שטארק ברוגז אויף אמעריקא, ווען זיי שרייבען דיר אזויפיעל שלעכטס וועגען איהר. זיי האָבען געמוזט לעגען אויף איהר צופיעל האָפנונגען, האָבען דערוואַרט צו־גרויסע גליקען — פיהלען זיי זיך דעריבער ענטטוישט. אמת, אַ סך אינטעליגענטען האָבען דא זעהר פיעל אויסצושטעהן: אייניגע קענען זיך ניט צופאסען צום היגען לעבען, אנדערע קענען ניט פער־טראָגען די היגע בעדינגונגען פון דער ארבייט, און דערגלייכען. דער טייוועל איז אבער גארניט אזוי שרעקליך, ווי מען מאָהלט איהם. סיידען עס געהט זיי אב די היימישע גייסטיגע צרות. — ווען זיי וואָלטען ווירקליך געזוכט אַ גייסטיגען לעבען און גייסטיגע ארבייט, וואָלטען זיי ניט געהאט זיך פיעל צו בעקלאָגען.

ניין, מיין ליעבער, מען קען דא ניט פערפאלען ווערען.

דיין **יהודית**.

✤✤✤

46.

ניו יאָרק, יאַנואַר 5, 1905.

היינט איז געוואָרען דריי מאָנאַטען זינט איך בין אין ניו יאָרק.

צוויי וואָכען איבעריגע האָסטו אבגעצויגען מיט דיין לעצטען בריעף — 14 טעג; 336 שטונדען; יעדע שטונדע האָט זיך צו־ביטען אויף 60 מינוטען; יעדע מינוט... נאָר צו וואָס פערנעהם איך זיך מיט אזעלכע רעכענונגען?..

צו וואָס, יוסף, פרעגסטו מיך וואָס צו טאָן, — צו פאָהרען, צי ניט? אך, איך האָב דיך גערעכענט פאַר אַ סך שטאַרקער, ווי דו ביזט!

יוסף, איך מוז דיר זאָגען, אַז דאָס, וואָס דו דערשרייבסט ניט, האָב איך דערלעזען אין מיין מאַמע'ס בריעף... דיין טאַנטע און אַראָן האָבען איהר געזאָגט, אַז זיי וועלען דאַרפען פאָהרען אין גי־כען צו אַ רייכער חתונה אין... עס האָלט שוין גאָר נאָהנט: דו האָסט זי געזעהן און זי דיך. און זיי פרעגען דער מאַמע'ן, וואָס פאַר אַ פרעזענט זיי זאָלען צוגרייטען פאַר דיר אויף דרשה־גע־שאַנק...

איצט פערשטעה איך, וואָס עס מיינען „טרוימען און ווירק־ליכקייט, שטרעבען און לעבען, פערלאַנגען און אומשטענדען"...

עס קען זיין אַז די „פערפלוכטע מטבעה" וועט דיר ווייניגער אונאַנגענעהמעס פערשאַפען אין לעבען, איידער דאָס „פערפלוכטע לאַנד פון דאָללאַר..." ווער ווייס אין וואָס גליק בעשטעהט? אַמאָל האָט זיך דיר געדוכט, אַז דו האָסט דאָס גליק געפונען אין מיר. אָבער וואָס פאַר אַ גליק קענסטו געפינען אין מיר? עס קען דיר מעהר ניט געבען ווי הארץ און נשמה...

איך האָב אבגעמאכט ביי זיך, איך זאָל דיך ניט רופען און איך וועל ניט. דיין הארץ זאָל דיר ווייזען וועלכען וועג זיך צו נעהמען.

יהודית.

פּ. ס. זאָל דאס אראָן האָבען געשריעבען דעם אנאָנימנעם בריעף? עפּעס קען איך איהם דעריין ניט חושד זיין. אדער גאר אפשר?.. אָה, ניט כדאי וועגען דעם צו רעדען. די זעלבע.

47.

ניו יאָרק, יאנואר 20.

דו האָסט מיך פערגעסען, און איך וועל דיך פערגעסען. אלעס איז גוט. קענסט מיר ווייטער פרעגען עצות און טאן אזוי ווי דער טאטע און די מאמע הייסען... איך וועל ניט שטעהן אין וועג. מיך ארט ניט. מיך ארט ניט וואָס דו האָסט זיך פערבונדען מיט יענע טויזענדער. קיין אנדער אורזאך וואלט מיר ניט געקענט אזוי לייכט מאכען אונזער שיידען זיך, ווי די. דו, מיין גאָט, פערקויפסט זיך פאר געלד! אָה, איך בין גאר ניט אייפערזיכטיג אויף — געלד.

ווען איך שרייב דעם בריעף, קלער איך, איך וועל... אבער, ניין, איך וועל גארנישט, גארנישט. פאר וואס זאָל איך, אז מיך ארט ניט? אז מיך ארט גאר ניט!.. די אפּטייקערשע האָט געזאגט דער מאמען — „עס איז א גליק". זעהר גוט. וועסטו זיין גליקליך. יא, דאס גליק לויפט אוועק פון די, וואס ווערען פעראַרימט. ביי רייכע לעבט ער לייגנער...

יהודית.

48.

נ. י., מערץ 5.

זיי איבערטרייבען די געפאהר. איך האָב מיר נאָר ער־קעלטעט. איינמאָל, ווען איך בין געגאנגען אוועקשיקען א בריעף.

איך מוז ניט שרייבען, ווי איך פיהל. איך וויל, מען זאל מיך לאָזען צורוה וועגען מיין פיהלען...

דער קלימאט איז פאר מיר ניט שעדליך.

מיט דעם אדרעס פון אייער בעקאנטען רוסלאנד'ישען פראפע־סאר וועל איך זיך, גלויב איך, ניט בענוצען. איך האָב גענוג צו־טרויען צו מיין היגען אמעריקאנישען דאקטאר.

י. ליליען.

49.

נ. י., אפריל 6.

איך זעה ניט קיין וויכטיגקייט פאר דעם גאנג פון מיין קראנקייט, ביי וועלכען בריעף אוועקשיקענדיג, איך האָב זיך פער־קיהלט.

צו וואס אויסרעכענען זאכען, וועלכע קענען מיר גוטס טאָן, אדער שלעכטס טאן? איך ערווארט ניט פון קיינעם קיין גוטס און בעקלאג זיך ניט אויף קיינעם פאר דאס שלעכטס.

י. ליליען.

פ. ס. יא, עס איז מעגליך, אז בערמאן זאָל גיכער עמיגרי־רען קיין אמעריקא ווי קיין פאלעסטינא. לאכען דערפון איז ניטאָ וואס: האָבענדיג א צונייגונג צו איין זאך, מוז מען זיך דאך אמאָל רעכענען מיט א צווייטער.

וואס א ז ע ל כ ע „מענשעלאך" קענען דאָ טאָן, האָב איך נאָך ניט נאכגעפרעגט.

ד. ז.

50.

נ. י., יוני 7.

איך לעז איבער אלע בריעף, וועלכע קומען מיר אן. שרייבען לענגערע בריעף געפין איך פאר איבעריג. איך דיינק א לענגערע צייט גאר ניט צו שרייבען, און דערמיט פערשפארען זיך אן איבעריגע ארבייט און די, וואס ערהאלטען מיינע בריעף, — „סצענקעס".

איך וויל ניט שטערען די רוה פון דער, וועלכע האט א רעכט זיך געקויפט צו זיין רוהיג.

י. ליליען.

51.

נ. י., יולי 6, 1905.

איך געפין פאר איבעריג צו ערקלערען דעם טאן פון מיין שרייבען, און וואס עס פעהלען די ווערטער „דו", „איהר" א. ד. ג. ווען דאס גאנצע שרייבען איז אן איבעריגע זאך.

„ליעבע קען מען בעהאלטען, האס קען מען בעהאלטען, אבער גלייכגילטיגקייט קען מען ניט בעהאלטען".

יא, עס איז אמת: איך בין גלייכגילטיג.

י. ליליען.

52.

נ. י., יאנואר 1, 1906.

זיינען שוין 6 מאָנאטען אריבער זינט איך האָב ניט געשריי־בען? איך האָב זיי ניט געצעהלט...

זיין פריי מוז ווירקליך זיין א גוטע זאך, ווען מען שרייבט מיט אזא פרייד וועגען דעם.

איך קען ניט זאגען ווי גוט דאס איז. דאס קען נור וויסען יע־נער, וועלכער האָט זיך געזוכט צו בעפרייען, און ווייס ווי אויסצו־ניטצען זיין פרייהייט...

י. ליליען.

53.

נ. י., מאי 14, 1906.

יא, דו האָסט רעכט: אזא שפּיעל אין ליעבע קען אונז ביי־דען צו־טייער קאָסטען. איך וועל שרייבען און לאזען דיר זיך פערענטפּערען... פערגיעב מיר פאר ניט וועלען דיך אויסהערען. פארוואס האָסטו דאס וועגען זיך אליין ניט געשריעבען צו מיר? פאר וואס האָסטו ניט געזוכט מיר צו איבערצייגען, אז מען האָט אנגערעדט אויף דיר פאלשקייטען? איך ווייס, דיר האָט דערפון אבגעהאלטען יענע ערביטערטע עקשנות, וועלכע האָט מיך אבגע־האלטען דיך אויסצוהערען. —

האָבען די דאקטוירים דיך געראטהען צו פערלאזען די שטאדט? פון צו־פיעל לערנען זיינען דיינע נערוועז ערשיטערט געווארען און דו ביזט געלעגען קראנק, ווי די מאמע שרייבט מיר, ביי אונז, אין מיין צימער, און גערעדט פון היטץ, צונויפגעשלעפּט פאַהרען מיט קומען, מיט'ן גרעניץ, און אָפט מיין נאָמען דערמאָנט... ארוי־מער יוסף! די מאמע מיינט, אז צווישען אונז האָט עפּעס געמוזט פארקומען...

מישא שרייבט: „יהודית, מיך פערדריסט אזוי וואס דו ביזט ניטא, ווען יאָסיף איז ביי אונז. דו פרעגסט אפילו ניט וואס ער מאכט. ער האָט געלעזען דיין בריעף און אבגעקעהרט דעם קאָפּ צו דער וואנד. מיר דאכט, ער האָט געוויינט. איהם האָט געוויס פערדראסען, וואס דו פרעגסט ניט אויף איהם.

„ער איז צו מיר אזוי גוט. ער קושט מיך און וויל, איך זאָל איהם רופען יוסף — ניט יאָסיף.

„מיר זיינען געוועזן אויפ'ן טאטענ'ס קבר. ער האָט אויף איהם א לאנגע צייט געקוקט און געשוויגען, אזוי ווי דו. ער האָט פערשטעלט זיין געזיכט מיטביידע הענד און דורך זיינע פינגער האָבען זיך געזעהען טרערען. איך האָב זיך דערמאָנט ווי דער טאַטע איז געשטארבען, ווי דו ביזט אוועקגעפאהרען, און האָב זיך צו־וויינט. ער האָט מיך ארומגענומען, געבעטען איך זאָל ניט וויינען און אליין האָט ער געוויינט.

עס האָט אונז אָנגעבאפּט א רעגען. די מאמע האָט מורא גע־האט מיר זאָלען זיך ניט פערקיהלען. איך האָב זיך ניט פערקיהלט, אבער יוסף האָט אפּנים זיך יא פערקיהלט".

ווייסט יוסף, מישא'ס בריעף האָט אויף מיר באלד א שטאר־קערען איינדרוק געמאכט ווי דיינער...

איך שיק היינט שיפּסקארטען פאר העניען און מישא'ן. (די מאמע, רחל און שימקע וועלען קומען שפּעטער).

העניע שרייבט, אז איהר פרעהט זעהר וואס דו ביזט געקומען צו אונז... (זינט זי האָט בערמאנען איהר ווארט געגעבען, האָט זי גענומען שרייבען מיט פיעל־בעדייטענדע פּינטעלאך). איהר פרעהט אויך, וואס דו ביזט מיט בערמאנען אזוי ברודערליך. זי פער־שטעהט, שרייבט זי, פאר וואָס. ס'איז דערפאר, וואס בערמאן פאהרט אין אמעריקא צוליעב איהר...

זיי געזונד, יוסף. נעהם אָן מיט דעם בריעף מיין פערזיכער־רונג, אז איך שיק דיר איהם ניט פון מיטלייד, נאר פון ליעבע, וועל־כע איז ניט אויס און וועט קיינמאָל ניט זיין אויס.

דיין יהודית.

54.

נ. י., מאי 21.

ניין, יוסף, דיין הארץ נארט דיך דאס מאָל ניט אב. ווען דו וועסט קריגען מיין בריעף, וועסטו שוין האָבען בעקומען מיט א וואך פריהער מיין ענטפער אויף דייזעם. איצט ביזט שוין איבער־ציינגט, אז איך בין ניט געשאפט ...עהמען אדער שיינקען ברעק־לעך...

איך פערשטעה דיין ניט קענען זיך דערוואַרטען אויף אן ענט־פער — צו לאנג ציהט זיך אוים די צייט אין ווארטען — און דו שרייבסט דערווייל...

דו שרייבסט: אויב איך האָב דיר נאָך ניט נעגעבען דעם גוטען ענטפער, בעטסטו עם ווידער. איך וועל אויף איהם, זאגסטו, קיין חרטה ניט האָבען. איין מאָמענט, יוסף, נאָך דעם ווי איך האָב דיר געשיקט מיין ענטפער, האָב איך יא געפיהלט א מין חרטה... עס איז דורכגעלאפען מיין הארץ מיט א שניידענדער נאגעניש, און מיר האָט זיך געדוכט, אז מיט דעם גוטען ענטפער האָב איך אנגע־גרייט א בעליידיגונג פאר זיך אויף שפעטער. זאל שוין מעהר אזא געפיהל צו מיר ניט קומען! —

ווי וואלט איך עם וועלען זיין דארטען צווישען די געדיכטע בוימער, אין די שמאָלע אלעען, אויף די וועגעלעך וואָס מיר האָבען צוזאמען געטראַטען!.. איך וויים דא ניט פון קיין פריהלינג. מיך בלענדען דאָ ניט די שטראהלען פון דער זון, נאר דער שיין פון עלעקטרי; ניט דעם געזאנג פון די פויגלען הער איך, נאר א גע־רויש פון מאשינען. מיט צוגעמאכטע אויגען, אין געדאנקען, קען איך נור דורכלעבען דאס, וואס דיר דערפרעהט דאָרט דיין אפענעם בליק...

דו ליעבסט מיך. עס איז ניט אוועק א רגע, שרייבסטו, ווען דו האָסט ניט געטראַכט פון מיר, אבוואָהל דו פלעגסט זיך זאגען:

„זי ליעבט מיך ניט און איך דארף זי ניט ליעבען" — יא, יוסף, „מיט'ן מויל זאגט מען און מיט'ן הארצען ליעבט מען"... איך פלעג זיך אויך אזוי זאגען, אבער מיין הארץ איז דיר אלע מאל טריי גע־בליבען. אמת'ע ליעבע נארט ניט, און ווילסטו גאר זיכער זיין מיט דיין ליעבע, מוזטו אליין וואס שטארקער ליעבען —

דיין יהודית.

55.

נ. י., יוני 14, 1906.

א שווערער טאג. קיין ווינטעלע. עס שטיקט. אלעס איז ווי אפגעשטארבען. די לופט — ווי מיט בליי אנגעפילט. עס איז אזוי היים!.. מענשען געהען אוים פון היטץ און פון הונגער. — —

מיינע געדאנקען טראגען מיך לאנגזאם צו אונזער שטעדטעל, — אונזער הויז, וואס דו ווילסט שוין פערלאזען.

יוסף, פאהר ניט אוועק פון אונז! צו וואס איילסט דו זיך אזוי? מישא שרייבט, אז דו זאגסט, עס ווארט אויף דיר אין דער היים א מאסע ארבייט... קענסט ניט ליידיג זיצען, מוזט פאהרען.

א מאסע ארבייט — ארבייט פאר דער מאסע... יא, דיך ציהט צום קאמפף. ווילסטו א ו נ ז ע ר פאלק דיענען אדער — ווילסט העלפען בעפרייען דעם ארימען פויער?

מיט שרעק און ערשטוינען לעז איך וועגען די פאסירונגען אין רוסלאנד; פון איין זייט שרייט מען „ליכט, פרייהייט"! פון דער אנדערער — „שמייסט, שלאגט אידען!" פון איין זייט א פויערן־אויפשטאנד, פון דער אנדערער א רעקרוטסקער נאבאר —

פאהרסטו שוין אוועק פון אונז? אה, וויפיעל נעהענטער דו ביזט מיר, ווען איך שרייב דיר צו אונז אהיים!

ניין, איך וועל דיר ניט שרייבען, ווי איך האב געפיהלט די גאנצע צייט פון אונזער „ב ר ו נ ז". צו וואס? גוט וואס די צייט איז אוועק. מיך פערנעהמט איצט די געגענווארט, וועלכע איך בעטראכט, ווי דו, אלס א ווארטונגס־צימער פאר דער צו־

קונפט. א איצט אין וועלכען איך לעב צוליעב שפעטער... וואס וועט זיין שפעטער?

גלויב מיר, אז איך פרעג דאס ניט, ווייל מיר האט שוין דער־עסען דאס שיעפען זיך אהן א ברעג. איך פרעג דאס, ווייל דו... פרעגסט עס ניט... ד ו, וועלכער, איך וויס, האט ניט ליעב צו שטעהן צו לאנג אויף איין ארט...

דיין יהודית.

56.

נ. י., יוני 22.

איך קוק אויף דיין בריעף, דעם לעצטען, וואס דו האסט גע־שריעבען אין אונזער הויז, אין מיין צימער, און מיר פערכאפט דאס הארץ פון בענקעניש... איך זעה, ווי דו זיצט און שרייבסט: דיין קאפ אנגעבויגען, די פען לויפט שנעל איבער׳ן פאפיער, דו שרייבסט, שרייבסט וואס דו פיהלסט — און פערגעסט גאר צו דענקען...

„מיין שטאלץ, מיין גליק, מיין ווייב... איך וועל קומען און ווייטער אריינקוקען אין דיינע אויגען, און זעהן דורך זיי דיין גאנצע ריינע, גוטע נשמה. אה, איך וועל זיין צו־שוואך איבערצולעבען אזא גליק. איך וועל פאלען צו דיינע פיס און שטארבען"...

ש ט א ר ב ע ן — ווי אפט פלעגט דאס ווארט מיר קומען אויפ׳ן געדאנק, ווען איך פלעג טראכטען וועגען מיין אונשטערבלי־כער ליעבע צו דיר! ליעבע און טויט...

צי האָסטו גוט געטאָן, פּרעגסטו, מיטטיילענדיג מיין מאמען פון דיין גליק? איך ווייס ניט... איך קען ניט אורטיילען וועגען דעם איינדרוק וואס דיין מיטטיילונג האָט אויף איהר געמאכט. איך ווייס נור, אז זי וועט איצטער נעהמען מעהר זארגען וועגען מיר, און וועט שטארק ליידען, אויב מיר וועלען ניט קענען זיך גיך פער־איינינגען. די עלטערע מענשען גיעבען צו אזא בעדייטונג דעם „ארומפיהרען זיך צו־לאנג". זי וועט מיך נעהמען פרעגען קשיות, און אמאָל טרעפט, אז מען ווייס ניט וואס צו ענטפערען...

אבער דו ביזט גליקליך, און איך וויל ניט פערדונקעלען דעם ליוטערען הימעל פון דיין גליק מיט טרויער־געזאנג, וואס רייסט זיך ארויס פון מיין פערקלעמטען הארצען. איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, וואס איז מיט מיר?.. עפּעס דאכט מיר, אז ווען דו פערבלייבסט ביי אונז אין הויז, וואלט עס ניט געווען אזוי... אזא מאָדנע בין איך: וואס מאכט עס אויס, ביי אונז, צי ביי אייך? נעבען מיר ביזטו דאָך סיי ווי סיי ניט. און דאָך... עפּעס קומט מיר פאָר, ווי מיט דיין אוועקגעהן פון אונז, ביזטו פון מיר אוועקגעגאנ־גען ווייטער.

מישא שרייבט, אז דו האָסט איהם צוגעזאגט צו שרייבען. ער איז אזוי שטאָלץ אויף דעם.

אלע שרייבען וועגען דיר מיט ליעבע, אלע ליעבען דיך, און פון אלעמען מעהר — איך.

דיין יהודית.

57.

ניו יאָרק, יולי 1.

דו ביזט שוין אין דער היים, פערפאַלגט פון דיינע עלטערען פאַר דיין פרייען ווילען. יוסף, איך דענק, אז דיין פרייער ווילען מעג פון דיר אליין, אויב ניט פון זיי, אביסעל אונטערדריקט ווערען...

איך פערשטעה וואס ארום דיר קומט פאַר, און שעהם זיך ניט צו זאגען, אז ווען איך וואלט איצט ביי אייך געווען, וואלט איך געשטאַנען אויף דער זייט פון דיינע עלטערען. ניט אוים ברעננענדער ליעבע צו זיי, נאָר אוים אונרוהיגקייט פאר דיר, וואָס דו שטעלסט זיך אין נאהענטע בעציהונגען מיט אזוינע מענשען...

קענסט שוין פערשטעהן וואס פאר א מיינונג איך האָב פון די מענשען, וועלכע זיינען דעם ערשטען אוועקגעקומען נאָך דיין קומען פון אונז, געקומען צו דיר מאַנען חוב פאר דער מענשהייט, שלעפען דיך מיט געוואלט צו זיך אין לאגער.

אננא אנדרעיעוונא האָט געזאגט: „די מענשהייט"!.. בעסער וואלט זי זאגען „ליעבינקע און גוטינקע".. מיינסט אפשר, אז אין דער דאזיגער „מענשהייט" שליסט זי אונז, אידען, אויך איין? ניין! איהר מענשהייט איז א ר ו ס י ש ע. זי און איהרע ווערטער... אָבער גענוג! דו פערשטעהסט מיין מיינונג, און אויב דו דענקסט נאָך אלעם דעם אנדערש, טוט דאס מיר וועה, אבער ענדערען מיין מיינונג קען איך ניט, און אריינגעהן אין דער לאגע פון ד ע ר „געזעלשאפט", אנטקעגען וועלכער דיינע עלטערען האָבען זיך ניט פיין בענומען — אודאי ניט.

איך וויל מעהר וועגען זיי ניט שרייבען. שרייב דו מיר אויך ניט מעהר וועגען איהר מיט א י ה ר „מענשהייט". איך גלויב איהר ניט און וויל פון איהר ניט וויסען. —

דיין יהודית.

58.

אוגוסט 2.

יוסף, וואס איז מיט דיר? פארוואס קענסטו מיר ניט אויס־שרייבען אלעס? צוליעב וואס געהסטו אוועק פון דיינע עלטערען? אין וואס שטערען זיי דיר אזוי?! —

דיין בריעף איז שלעכט געשריעבען. וואס אייגענטליך ציהט דיך, — דער רעוואלוציאנערער קאמפף, אדער... זיי? ביזטו זי־כער, אז דו געהסט אויפ'ן ריכטיגען וועג?

דו ביזט עלענד, יוסף, עלענדער, ווי איך דא, אהן דיר. און ווייסטו וואס איך דענק? אויב אונטער די איצטיגע אומשטענדען איז דיר דורכאויס אונמעגליך צו קומען צו מיר — דאן קום איך צו דיר! אומזיסט האסטו געמיינט, אז איך וועל קיינמאל ניט אב־טרעטען פון מיין בעשלוס צו פערבלייבען דא. צוליעב דיר — יא! עס איז אייגענטליך צוליעב מיר, אזוי פיעל וויפיעל צוליעב דיר...

איך וויל צו דיר. איך פיהל, אז דו מוזט אימיצען האבען, וואס זאל זיין נעבען דיר, צוטרעפען וואס דו פיהלסט, פערשטעהן דיינע געדאנקען, טיילען דיין בעגייסטערונג... איך, יוסף, וויל זיין די איינע — די איינציגע!

איך וועל דיר היינט מעהר גאר נישט ניט שרייבען. זאלען די אנדערע אינטערעסען ניט שטערען דעם גרויסען בעשלוס: איך פאהר! איך קום צו דיר, אויב דו ווילסט.

איך וועל ווארטען אויף אן ענטפער. א גאנצען מאנאט וועל איך ווארטען. —

דיין יהודית.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

59.

סעפטעמבער 1.

נו, אָט האָב איך זיך דערוואַרט אויף אַן ענטפער — אויב פ ר ע ג ע ן הייסט ענטפערן...

„פאַרוואָס שטעה איך אויף דער זייט פון דיינע עלטערן?“ — „צי שטעקט ניט אין מיין רופען דיך פון קאַמפף עפּעס אַנדערעס, איידער אַנטי־טעראָריזם?“ — צי וויל איך ניט דיך אויספּרובען מיט מיין זאָגען, אַז איך פאָהר צו דיר?“ —

מיין ליעבער יוסף, זינט ווען האָסטו אויפגעהערט צו פערשטעהן דעם איינפאַכען זין פון מיינע ווערטער? קענסטו דען ניט גלויבען אַז איך מיין עס ערנסט? אָדער צווייפעלסטו, אַז איך קען דיך אַזוי שטאַרק ליעבען? אפשר ביזטו מיר גאַר חושד, אַז איך האָב עס געשריעבען פון אייפערזוכט? —

אויף וועמען, יוסף, קען איך זיין אייפערזיכטיג? אַה, זאָג מיר, ליעבער! דערצעהל מיר פון אַלץ וואָס ביי אייך קומט דאָרטען פאָר. מאַך קלאָר פאַר מיר דיין לעבען, דיין אַרבייט, דיין דענקען און פיהלען. צווינג מיך ניט צו דאַרפען אויסטייטשען דיינע ווערטער, צולעגענדיג, ווי דו זאָגסט, צופיעל אייגענעם שכל. —

דיין יהודית.

****

60.

סעפטעמבער 15.

איך שרייב צו דיר איצט, ניט אזוי אלס ענטפער אויף ד י י ן בריעף, ווי צוליעב דעם בריעף וועלכען איך האָב ערהאַלטען פון דער־היים. אויף דיין שרייבען איז כמעט ניטאָ זיך וואָס אָבצושטעלען, סיידען וואונדערען זיך פאר וואָס אין איהם איז ניט דערמאָהנט וועגען דער „מענשהייט", „אַלטען רעזשים", „נייע עפּאָכע", א. אז. וו..

דיינע ווערטער איבער מיין הימלישער הויכקייט און דער בע־זונדערס גוטער טאָן אין דיין בריעף — געפעלען מיר ניט. אזוי פלעג איך אמאָל אָבמאכען ביי זיך צו ריידען צו די, געגען וועלכע איך האָב מיך געפיהלט אין עפּעס שולדיג...

די מאמע פרעגט מיך אין בריעף ו ו אָ ס ו ו ע ט ז י י ן?
— וואָס קען איך איהר אויף דעם ענטפערען?

העניע, בערמאַן און מישא זיינען שוין גרייט צו פאָהרען אהער. אראָן, שרייבען זיי, פאָהרט אויך אין גיכען. מיאום געוואָרען איהם רוסלאַנד. באלד וועל איך זיך מיט זיי זעהן, מיט זיי ריידען. ריידען וועגען דיר... וואָס ריידען? איך וועל זיי גאָרנישט פרע־גען. זאָלען די זאכען, פון וועלכע דו אליין שרייבסט ניט, מיר ניט בעוואוסט ווערען דורך אנדערע.

איך וועל שרייבען מיין מאמען, אז איך בין שולדיג, פאר וואָס דו פאָהרסט נאָך ניט אהער. זאָל זי ניט בייז זיין אויף דיר פאר דיין ניט האַלטען וואָרט. מיט וואָס שולדיג? אה, איך וועל שוין אויסטראַכטען א תירוץ. איך קען איהר שרייבען, אז איך האָב דיך גאָר ניט אזוי ליעב, איך זאָל זיך אזוי גרינג קענען בעשליסען צו זיין דיינע —

יהודית.

****

61.

אָקטאָבער 23.

יוסף, קום אהער! גיעב אָב דעם קאמפף! ער איז ניט פאר דיינע כחות. וועסט געהן פערלאָרען. פון וועגען אונזער ליעבע בעט איך דיך, דו זאָלסט טייערער שעצען דיין לעבען און ניט אָפּפערן לייכטזיניג מיט אונזער ביידענס גליק.

דיינע בריעף זיינען אזוי ניט קלאָר געשריבען, אז איך פער־ליר אלץ מעהר די פעדים פון דיינע לעבענס פּאסירונגען. קום! איך קען שוין מעהר ניט אריבערטראָגען די בריעף. איך וויל מעהר ניט שרייבען. יעדער קריץ פון פען צושרויפּט מיינע נערוועו. די שווארצע, טויטע בוכשטאבען פערגיפטען מיין נשמה. אָה, איך וויל ניט מעהר קיין בריעף...

אראָן איז ביי מיר היינט געוועז און פערבראכט א לאנגע צייט. עס איז מיר שווער געוועז זיין אנוועזענהייט: מיר האָט גע־דוכט אז ער בעהאלט עפּעס פון מיר. די לעצטע צייט איז ער געוועזן ביי אייך און ער זאָגט אז איהר האָט צוזאמען זעהר גוט פער־בראכט, אָבער אנשטאָט איינפאך צו דערצעהלען ווי און וואָס, פאנגט ער אָן רעדען האלבע ווערטער, און האקט זיך אָב אין מי־טען. פאר וואָס מאטערט ער מיך אזוי?

און... פאר וואָס, יוסף, שרייבסטו צו מיר אזוי פיעל מאָל „מיין פריינד“? „פריינד“ — אויף דעם אָרט, וואו דו פלעגסט אמאָל „טייערסטע“, „ליעבסטע“ שרייבען? געדענקסטו וואָס דו האָסט מיר געענטפערט אמאָל, ווען איך האָב געזאָגט לאָמיר זיין פריינד?

„דאָס פלאָקערען ליעב איך, נישט אָבער דאָס טליען,
איך קען האלבע זאכען ניט ליידען;

ווײל מעהר שוין די זון מיר ניט שײנען און גליהען,
זאָל אויך די לבנה מיך מײדען,
און פינסטער אין גאַנצען זאָל װערען מײן לעבען,
שטאָק פינסטער, אַ נאַכט אָהן אַ שטערען:
קענסט דו מיר אין גאַנצען דײן ליעבע ניט געבען,
ווײל איך אויך פון קײן פרײנדשאַפט ניט הערען!"*)

אה, יוסף, צי דען קענסטו מיר אין גאנצען דײן ליעבע ניט געבען? —

דײן יהודית.

62.

אָקטאָבער 25, 1906.

איך קען ניט שלאָפען. ווי נאָר איך מאַך צו די אויגען, שטע־לען זיך מיר פאָר שרעקליכע בילדער. דאָס הארץ הויבט אָן האס־טיג צו קלאפּען, דאָס לײב װערט בעדעקט מיט א קאלטען שווײס און איך פיהל א פיעבער אין אלע גליעדער...

איך זעץ זיך שרײבען צו דיר, אפשר וועל איך דערמיט פער־טרײבען פון זיך די שרעקליכע בילדער.

איך האָב איצט א לאנגע צײט געקוקט אויף דײן בילד. מיר דוכט זיך, אז דער אויסדרוק פון דײנע אויגען האָט זיך געענדערט. מיר ווילט זיך קאָנצענטרירען אלע מײנע געדאנקען און געפיהלען אויף דעם אָריגינאל פון דער בלאסער קאָפּיע...

*) פון ד. פרישמאן.

✠✠

ווען איך וויל מיך עראינערען אָן גוטעס, נעהם איך לעזען דיינע בריעף, דיינע א מ אָ ל י ג ע בריעף. איצטער קענסטו ניט שרייבען ווי אמאָל. און פאר וואָס? בין אי י ך דען אנדערש געוואָרען? ליעב איך דיך וועניגער? אָדער? — — אך, ווי דאָס הארץ קלאפט... דר. לואי זאָגט, אז איך טאָר זיך ניט נעהמען קיין זאך צום הארצען — ווען דו קומסט אָבער און איך נעהם דיך און דריק דיך שטארק צו מיין הארצען!..

איך האָב מיך פערטראכט וועגען דיין קומען, און עס האָט אין מיר אויפגעלעבט א מאָדנער פעסטער גלויבען אז דו ו ו ע ס ט קומען. איך פיהל—עס איז א זעלטענער געפיהל—ווי דו דערנעהנטערסט זיך צו מיר — איך מאך צו די אויגען און הער זיך שטיל צו צו דיינע פאָרזיכטיגע טריט — צו מיין בעט... דו צושפּרייטסט מיינע האָר אויפ'ן קישען, בעהאלטסט אין זיי דיין געזיכט, קושט זיי שטיל און וויינסט פון גליק... מיר ווילט זיך ארומווארפען מיינע הענד ארום דיין האלז, צוציהען דיך צו זיך, אָבער איך בעהערש זיך און קעהר נאָר אָב דעם קאָפּ פון קישען אזוי, אז מיין געזיכט ווערט אָפען. מיינע ליפּען ציטערען, ווארטען אויף דיין קוש... דו בויגסט זיך אָן צו זיי און — איך כאפּ זיך אויף מיט א שרעקליכען הארץ־קלאפּען...

עס איז גרויסער טאג — אין דער פינסטער אָבער קוקען אמאָל אוים זאכען ליכטיגער איידער אין העלען שיין... וואָס קען מיר דער טאָג געבען? איך זעץ זיך ווידער שרייבען צו דיר און ווארטען. —

דיין יהודית.

63.

נאָוועמבער 4, 1906.

— — א טעות! פערביטען די בריעף! און אפשר גאָר בכיון — ווייל עס האָט קיין מוטה ניט געקלעקט אָפּענהערציג צו שרייבען דעם אמת צום „גוטען מלאך"...

עס איז געשעהן! — און איך דאנק דעם צופאל — אויב דאָס פערבייטען די בריעף איז נאָר געווען א צופאל — וואָס ער האָט מיר געוויזען אין אמת'ן שיין די לאגע, אין וועלכער איך געפין זיך. איצט ווייס איך אלעס. ניטאָ מעהר קיין ווארטען, קיין שרייבען, קיין האָפען, קיין גלויבען, קיין זאך! עס איז געווען אמאָל, איצט — איז אויס. צווישען אונז איז אלעס געענדיגט. —

יהודית.

64.

נ. י., מערץ 2, 1907.

הערר גאָלדשמיעד: —

דריי בריעף. יאָ. איך האָב ניט געקענט אויף זיי ענטפערען. א דאנק פאר'ן נאָכפרעגען. עס איז קיין געפאהר. מיינע פריינד מאכען פון א שפיי א גאנצען וועזען. מעגליך אז דאָס בלוט קומט פון האלז, ניט פון הארצען.

מישא האָט מיר אויך געשריבען אז איהר האָט געשריבען צו איהם. ווארום ער האָט אזוי געענטפערט? — מסתמא האָט ער ניט געוואוסט ווי אנדערש צו שרייבען. וואָס ווייס ער דאָרטען ווי מען פיהלט דאָ?

מיר פעהלט גאָר נישט. איך דארף גאָר נישט. איך ארבייט און פערדיען גענוג פאר זיך און אנדערע.

י. ליליען.

****

65.

נ. י., אפריל 8, 1907.

צוזאמען מיט דעם בריעף שיק איך אייך אב צוריק די אנווייזונג אויף געלד, וואס איז ערשט פון אייך אנגעקומען.

איך שיק עס אב אזוי שנעל, ווייל איך וויל עס ניט לאזען פערגיפטעט ווערען פון מיינעם א שפיי...

י. ליליען.

פ. ס. — שיקט מיר אב מיינע בריעף. מיין בילד אויך.

66.

נ. י., מאי — 15, 1907.

אייער לעצטער בריעף האט מיך געוואונדערט. איהר שרייבט, אז מיט מיין בעטען מיר אבצושיקען מיינע בריעף און מיין בילד שטעל איך אוועק א וואנד צווישען אונז ביידען — שטעהט דען ניט א וואנד צווישען אונז אהן דעם?

איך וועל עס נאך אמאל ניט בעטען, אבער דערפאר אויך קיין נייע ניט שיקען.

י. ליליען.

67.

נ. י., סעפטעמבער 21, 1907.

איהר בעט מיר זאלען בלייבען פריינד און ווילט זיין זיכער, אז איך וועל אייך דעריין ניט אבזאגען — אבער צו וואס טויג אייך מיין פריינדשאפט? איהר ווילט „אייער זעלבסט-אכטונג צוריק געווינען“ — האט איהר עס דען פערלארען?

דאך געפין איך פון מיין זייט קיין שטערונג ניט צו ערפילען אייער וואונש, און פערבלייב מיט פריינדליכען גרוס,

י. ליליען.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

68.

נ. י., אָקטאָבער 20, 1907.

ווערטהער פריינד גאָלדשמיעד: —

אויב איהר וועט מיר אזוי פיעל דאנקען פאר דער פריינדשאפט וועל איך זיך דערמיט צוריק־ציהען. ווען מיר וואָלט אפילו א העלפט אזוי שווער געווען, ווי איהר מיינט, צו געבען די צושטימונג. פריינד צו זיין, וואָלט איך עס ניט געטהאָן. און זייט זיכער, אז איך פערקלענער ניט די „גרויסקייט" פון מיין טהאט, מיט דער אבזיכט אייך קלענער צו מאכען אין אייערע אויגען...

איך בין גאָר ניט גענויגט צו גריבלען זיך אין פרעמדע „איך"'ן, און קען אויך ניט ווי אנדערע זעהן אין דעם דורכפאל פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן דעם דורכפאל פון דער גאנצער מענשהייט און אן ענדליכען קלאפ פאר דער אידישער פראגע. איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט, אז מיט דעם זיעג פון דער רעוואָלוציע וועט קומען אן ענדליכע לעזונג פאר דער אידישער פראגע.

מיין מוטער, שוועסטער און מישא זיינען שוין אויפ'ן וועג קיין אמעריקא. געלד פאר דער רייזע האָב איך זיי געשיקט, און אביסעל האָט מען זיי דאָרט אָבגעצאָהלט אלטע חובות. די מאמע שרייבט: אן אלטער חוב איז אויך א חוב. וואָס עס קומט, ווערט פריהער אָדער שפּעטער אָבגעגעבען.

איהר דיינקט אז עס איז זעהר שלעכט וואָס מישא וואקסט אָהן א פאָטער און אָהן א לעהרער?

יא, איז וואָס זאָל מען טהאָן, אז דער פאָטער איז געשטאָרבען און לעהרער קאָסטען געלד?

אייער פריינד י. ליליען.

✤✤

69.

נ. י., נאָוועמבער 5.

איהר שרייבט, אז עס וואָלט אייך פערשאפען גליק צו וויסען, אז איך בין גליקליך.

איך גלויב, אלזא, אז איצט איז די צייט צו לאָזען אייך וויסען אז איך בין גליקליך. איך וועל שרייבען אָפען: איך האָב מיך בעקאַנט מיט איינעם, וועלכער האָט זעהר פיעל שטילע פרייד אין מיין לעבען אריינגעטראָגען. ער איז געקומען אין דער ריכטיגער צייט, ווען איך האָב איהם אזוי ווי ערוואַרטעט...

איך בין צופריעדען, וואָס איך קען מיט מיין גליק אייך גליק־ליכער מאכען.

איך מוז שליסען מיין שרייבען, ווייל באלד קומט ע ר. א צווייטען מאָל וועל איך מעהר שרייבען.

אייער פריינד י. ליליען.

70.

נ. י., דעצעמבער 6, 1907.

מיין מאמע, מיינע שוועסטער, מיין ליעבער, ליעבער מישא זיינען דאָ! מיר האָבען זיך געדונגען זעהר א שעהנע וואָהנונג. רחל ארבייט שוין, אין דעמזעלבען שאָפּ וואו איך בין די עלטסטע. שימקע וועט זיך לערנען און העלפען דער מאמען אין הויז, מישא וועט געהן אין שוהל. דערווייל לערען איך איהם אביסעל. אָה, וואָס פאר א ליעבער שטיעפער ער איז! וואַרפט דאָס ביכעל און כאפט מיך קושען... איך בין ענטציקט פון איהם!

וואָס וואונדערט איהר זיך אזוי אויף מיין אונערוואַרטעטען גליק? גליק קומט דאָס רוב אונערוואַרטעט. צי בין איך זיכער אז ער ליעבט מיך? יאָ, איך בין זיכער, ז ע ה ר זיכער. ער האָט

✠✠

מיט מיר פיעל גערעדט וועגען מיין ארבייטען. ער פערדיענט גענוג פאר אונזביידען — ער ארבייט אין א באנק — נאָר איך וויל ניט לעבען אויף א צווייטענס רעכענונג. איך וועל נאָך אויף דעם צייט האָבען שפּעטער.

אויב עס איז א פערברעכען צו קאָנצענטרירען די בעסטע גע־פיהלען אויף איין פּערזאָן, בין איך איצט א פערברעכערין, און ער אויך. מיר ליעבען זיך און מיר פערגעסען גאָר אז עס עקזיסטירט „א מענשהייט" ערגעץ וואו אין רוסלאנד... מיר ווילען ל ע ב ע ן, מיר ווילען ניט וויינען. מיר ווילען זיין גליקליך אזוי, אז מיר זאָלען קענען זאָגען: „מיר זיינען געוועזן גליקליך".

איהר וועט מיר דאָך ענטשולדיגען, וואָס איך רייד אזוי פון פּערזענליכען גליק. איך וואָלט דאָס קיינמאָל ניט וואגען צו טהאָן ווען איך וואָלט ניט וויסען, אז איך טהייל עס מיט א גליקליכען. ניין, זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, די וועלט איז נאָך אלעמען גאָר ניט אזוי שלעכט, און גליק איז פאראן גאָר ניט אזוי ווייניג...

מיר געהען היינט אלע אין טהעאטער. איך אייל מיך דארום צו שליסען מיין בריעף. זאָנסט וואָלט איך נאָך געשריבען. יא, געוויס האָב איך איצט זעהר פיעל וועגען וואָס צו שרייבען. —

אייער פריינד י. ליליען.

71.

נ. י., יאנואר 5, 1908.

ניט אלעס, וואָס ווער עס איז שרייבט אייך, דארפט איהר גלויבען און איך—אָבלייקענען אָדער בעשטעטיגען. אראָן האָט אייך מסתמא געוואָלט נאָכגעבען און שרייבען א סך, ווי איהר האָט גע־בעטען. נו, האָט ער אייך געשריבען, און וואָס עס האָט איהם גע־פעהלט צו וויסען, האָט ער געטראָפען, אייגענע צוגעלעגט.

עס דארף אייך גאָר ניט וואונדערען, וואָס אראָן זעהט אין מיר ניט קיין גליקליכע. איך האָב איהם ניט מיטגעטהיילט פון מיין גליק. איך האָב עס פיינט צו פּראָקלאמירען.

אמת, איך האָב געזאָגט אַמאָל, אז מען קען נאָר ליעבען איינמאָל אין לעבען — אָה, איך בין דאן געווען אזוי אונערפאהרען.

איהר ריהרט אָן זעהר פיעל פראגען, אויף וואָס איך מוז אייך זאָגען, אז אלס פריינד ערלויבט איהר זיך צופיעל. איך וויל זיך פיעל אויף דעם ניט אָבשטעלען, ווי אויך אויף מעהרערעס פון אראָן׳ס שרייבען וועגען מיר.

איך האָב זיך ניט נאָכגעפרעגט אויף זיין פערגאנגענהייט, אזוי ווי ער האָט ניט געפרעגט אויף מיינער. איך גלויב איהם, אז ער האָט קיין אנדערע קיינמאָל ניט געליעבט אזוי ווי מיך. דאָס איז פאר מיר איצט גענוג.

אייער פריינד י. ליליען.

72.

נ. י., מערץ 5, 1908.

פון אייער לעצטען בריעף ביז דעם איז אייך ניט צו דער־קענען. דאָרט האָט איהר אזוי גערעדט פון גליק און דאָ — פון גאָר־נישט. „דאָס גאנצע לעבען איז איין ליגען. אלעס בייט זיך, ענ־דערט זיך ביז ניט צום דערקענען“.

ווי קומט עס וואָס איהר האָט זיך דערפיהלט אזוי איינזאם?

אייער בעשלוס אוועקצוגעהן פון אלעמען, פערשליסען זיך אין זיך, זיין אליין, אין גאנצען אליין, וועט איהר פילייכט דורכפיהרען, אָבער — ניט אויף לאנג. טאקע דערפאר, ווייל דאָס וועט זיך אייך געבען גאנץ גרינג. אנדערס איז ווען מען דארף דערפאר קעמפפען.

דאָך פרובירט איינזאמקייט. איינזאמקייט ברייננט אמאָל פיעל נוצען. אין איינזאמקייט דערקענט מען זיך מעהר, מען ווערט מיט זיך נעהענטער...

מיט סימפאטיע צו אייער פעסימיסטישער שטימונג און נע־הענטערער בעקאנטשאפט מיט זיך אליין, פערבלייב איך אייער פריינדין

י. ליליען.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

73.

נ. י., אפריל 8.

זארגט זיך ניט. אייער מיטטיילונג וועגען אייער פעסימיס־טישער שטימונג האב איך פערשטאנען ווי איהר האט געוואלט: עס טרעפען אזעלכע שטימונגען און געהען איבער.

איהר שטעלט זיך פאר, ווי איך בין אליין, און איהר פיהלט א ביינקשאפט נאך מיר. — איך בעט אייך, צו וואס ביינקען פון מיינטוועגען?

אויב ער פיעלט אוים מיין וועלט? אויב ער קען ערפיעלען מיינע פערלאנגען? — וואס פאר'ע פערלאנגען? מיין איינציגער פערלאנג איז, ער זאל וואס לענגער בעזיצען דעם פערלאנג צו ער־פיעלען מיינע פערלאנגען...

ער האט גארנישט דאגעגען מיין שרייבען. איהם אינטע־רעסירט דאס ניט. אפטער און מעהר שרייבען וויל איך אליין ניט. איך פערברייננג בעסער מיין צייט אין לעזען, שפאצירען און ריידען.

מיט סימפאטיע, היינט שוין צו אייער אפטימיסטישער שטי־מונג,

אייער פריינד י. ליליען.

74.

נ. י., מאי 10, 1908.

הערר גאלדשמיעד: —

איך האב מיטלייד מיט אייך און — מיט איהר. איהר זייט אזא בעשטענדיגער און זי... זי... אבער זי איז דאך ניט שול־דיג, וואס אויף דער וועלט זיינען פאראן אזוי פיעל „ליעבינקע און גוטינקע" און עס ווילט זיך יעדערען אביסעל ליעב האבען... אה, איהר ווייסט ניט, וואס פאר א לייכטזיניג פאלק מיידלאך זיינען!

איהר האט אין אייער איצטיגען צער מיין פולע סימפאטיע.

י. ליליען.

****

75.

נ. י., יולי 11, 1908.

פריינד גאָלדשמיעד: —

אייערע 3 בריעף ערהאַלטען. איהר שרייבט אזוי אָפט, און דאָך קען איך אין אייערע מיספערשטענדניסע ערשט זיך ניט פער־נאנדערקלייבען.

דענקט איהר, אז מען קען זיך צו דער פאַלשער פּערזאָן פלוצלונג דערפיהלען אזוי פרעמד, אז עס זאָל גאָר ניט ארען ווען זי געהרט אן אנדערען? זאָנדערבאר. אזוי גיך אויפהערען ליעבען, נאָר דערפאר וואָס זי האָט ליעב בעקומען — ליעב אויף איהר שטייגער — אנדערע אויך? מאָדנע שווער צו בעגרייפען.

וועגען גאָט פון ליעבע האָב איך אויך געהערט, אז ער איז א קאפריזנער. נו, איז וואָס? מען דיענט איהם געטריי און מען קלאגט זיך ניט —.

י. ליליען.

❧ ❧ ❧

76.

נ. י., אויגוסט 24, 1908.

פריינד גאָלדשמיעד: —

איהר מוזט מיר ענטשולדיגען וואָס אויף אייער „בעסטער“, „ליעבסטער“, „טייערסטער פריינד“ ענטפער איך נאָר מיט „פריינד“ אליין. יעדערער האָט זיך זיין וועג אין שרייבען. אויב איך האלט ניט פון נאָכמאכען אנדערע, דארפט איהר עס מיר ניט

פעררעכענען צום שלעכטען. איך שרייב ניט נאך אנדערע, איך שרייב פון קאפּ.

וואס איז דא געוועזן צו פערשטעהן, וואס איהר האט געמיינט וועגען די קאפּריזען פונ'ם גאט פון ליעבע, וועגען ווינטער און זו־מער, הערבסט און פריהלינג, אין'ם מענשען'ס נשמה?

צי איך פערשטעה צי ניט וואס איהר מיינט — אבי איך לעז וואס איהר שרייבט, און דאס האט איהר דאך וויפיעל מאל אויס־געדריקט אלס אייער איינציגען וואונש. וואס ווינשט איהר נאך מעהר?

ניין. מיר זיינען נאך אפיציעל ניט ערקלערט אלס חתן כלה. מ י ר געפעלט די אונאפיציאליטעט.

י. ליליען.

77.

נ. י., סעפטעמבער 2, 1908.

איז שוין א יאהר פאראיבער זינט איך האב געגעבען מיין צו־שטימונג צו זיין מיט אייך פריינד? איין יאהר, און דאך דוכט מיר, אז עס איז שוין אזוי לאנג זינט מיר זיינען פריינד... איך האף, אז מיר וועלען אזעלכע פערבלייבען.

אין אייער היינטיגען בריעף שפּיעלט איהר זיך צופיעל מיט ווערטער, כאטשע איהר זאגט אליין אז ווערטער קומען אפט צו־ריק, הארטע, שטעכיגע און טרעפען גלייך אין הארצען. פערהיט־זשע אייער הארץ! זעצט פארט די פריינדשאפט און זוכט ניט מיט עפּעס אנדערעס איהר פלאץ צו פערנעהמען.

פריינדשאפט אדער — גארנישט.

אייערע אונגינסטיגע אויסדריקע פאר געוועהנליכער, פראס־טער פריינדשאפט נעהמען ביי מיר אוועק דעם חשק פארטצוזעצען היינט דאס שרייבען.

י. ליליען.

✤✤

78.

נ. י., סעפּטעמבער 25.

איך בעט אייך, עפּענט ניט פאר מיר אייער הארץ. אויב איהר מיינט, אז איך קען ניט פיהלען, איז ווי אזוי זאָל איך קענען אייך מיט־פיהלען? אויב איך ווייס ניט אלעס, ווי אזוי קען איך אור־טהיילען? און אז איך קען ניט אורטהיילען, ווי קען איך בע־שולדיגען?

איך ווייס ניט אויף וויפיעל זי איז שלעכט, אָבער זאָגען דארפט איהר דאָס ניט ווענען איהר. זי איז דאָך אייער... אייער פרוי. און אויב זי זוכט נאָך אייער פריינדשאפט, ניט ווייזט עס צוריק. ווער ווייס וואָס די צייט קען ברייננען. —

י. ליליען.

79.

נ. י., אָקטאָבער 1, 1908.

איך האָב שוין חרטה, וואָס איך האָב אייך גאָר אין גאנצען פון מיין גליק געשריבען. צו וואָס שרייבט איהר ווענען דעם אזוי פיעל? וואָס פרעגט איהר זיך אזוי נאָך?

ווער שרייבט אייך, אז איך בין ניט גליקליך? ווער?

אויף אייערע פראגען קען איך אייך ענטפערען ווי פאָלגט:

ליעבען קען מען צוויי מאָל; גלויבען — ניט מעהר ווי איין מאָל.

אלץ קען מען געפינען דאָרט וואו מען האָט פערלאָרען, נאָר ניט די ליעבע.

אייער פריינד י. ליליען.

✤✤

80.

נ. י., דעצעמבער 25, 1908.

יא, עס איז אן אויסגעטראכטע זאך, א ליגען: איך ליעב קיינעם ניט, איך האָב קיינעם ניט...

קיינעם ניט.

פאר וואס האָב איך עס אייך געשריבען?

איך האָב ניט געוואָלט איהר זאָלט זאָרגען וועגען מיין אומגליק. איך האָב געוואָלט זיך גלייך מאכען מיט אייך, ארויסווייזען זיך גליקליך אנטקעגען אייער גליק.

פערשטעהט איהר דען ניט, אז אייער פריינדשאפט איז געווען א בעליידיגונג? אייערע בריעף, וואו איהר האָט אזוי פריי געשריבען פון אלעס, האָט מיך געבראכט צום געדאנק אייך צו נארען וועגען מיין אייגענער לאגע, נארען אייך מיט אן אויסגעטראכטען גליק, און איך האָב געשריבען, און איהר האָט געגלויבט: עס איז אייך דאמאָלסט אנגענעהם געווען צו גלויבען.

עס איז מיר שווער געווען דעם ערשטען מאָל אָנצושרייבען דעם ליגען; איך האָב זיך קוים אָבגעהאלטען ניט צו צערייסען דעם בריעף. איך האָב בעשלאָסען זיך מודה צו זיין גלייך ווי איהר וועט נור אויסדריקען אייער צווייפעל. אָבער מיט אייער שרייבען האָט איהר נור גערייצט אין מיר דעם פערלאנג דעם ליגען פאָרטצוזעצען, און דערנאָך האָט ער זיך שוין ווי פון זיך אליין געזאָגט: איך בין ווי חליעסטאקאָוו אריין אין דער ראָלע...

דאָך האָב איך קיין חרטה ניט אויף דעם: דער ליגען האָט אמאָל פערפאָלקאָמט אייער גליק; ער האָט ניט דערלאָזען אייער געוויסען אייך פלאָגען פאר מיין אונגליק און עלענד, פאר וועלכער איך איז א י צ ט איינגעפאלען צו מאכען זיך שולדיג.

מיר איז שווער איצט וועגען דעם מעהר צו שרייבען. איך האָף איהר וועט פערשטעהן און ענטשולדיגען אייער פריינד

י. ליליען.

81.

נ. י., פעברואר 24, 1909.

איהר שרייבט: „צו־שטארק האָבען מיר זיך געליעבט, מיר זאָלען קענען פערגעסען. אונזער ליעבע האָט זיך די גאנצע צייט ווי געגען אונזער ווילען געוועבט".

יא, אונזער ליעבע האָט זיך אזוי לאנג געוועבט, ביז זי האָט זיך ענדליך — אויסגעוועבט.

איך, צום ווענינגסטען, האָב קיין זאַך ניט פערגעסען.

י. ליליען.

82.

נ. י., אפריל 13, 1909.

איך האָב אייך ניט געענטפערט, ווייל איך האָב ניט געוואָלט שרייבען נאָך אמאָל דאָס אייגענע וואָס אין לעצטען בריעף.

איהר ווילט אהער פאָהרען, ווייל איהר קלערט אז איך שרייב אייך ניט אוים ריכטיג וואָס דאָ טהוט זיך. אויב איהר אינטערע־סירט זיך אזוי, קען איך אייך שרייבען וועגען אונז אביסעל נייעס: מיר האָבען לעצטע וואָך זיך איבערגעצוויגען אין א בעסערע וואָה־

נונג, ווייטער פון דעם שטאָדטישען טומעל. אונזער העניע האָט מיט צוויי וואָכען צוריק געבאָרען א זוהן. בערמאַן איז „אויפ׳ן זיעבעטען הימעל". מיר זיינען פערנומען די וואָך מיט גרייטען זיך צו רחל׳ס חתונה מיט אראָן.

און אין גיכען וועלען מיר האָבען נאָך א שמחה ביי — אונזער שימקע מיט קאָזין בעני. זיינע עלטערען זיינען אפילו ניט אזוי שטארק צופריעדען מיט זיין ליעבע: א געענדיגטער לאָיער (אדוואָ־קאט) ווי זייער בעני איז, וואָלט געקענט נעהמען א גרויסען נדן. אָבער עס וועט רעכט ווערען. דאָ, אין אמעריקא, קען אזא זאך ניט שטערען, ווי דאָרט אין רוסלאַנד.

מישא לערנט זיך אויסגעצייכענט. עס איז צו בעוואונדערען ווי שנעל ער האָט איבערגענומען די ענגלישע שפראך.

איך בין אזוי צופריעדען, וואָס איך האָב זיי אלעמען אריבער־געבראכט אהער. איהר ווייסט, מען קען זיך אמאָל פיהלען גליקלי־כער, ווען מען טהוט אויף פיעל פאר א קליינער צאָהל, איידער ווי ווען מען ארבייט אויפצוטהאָן אביסעל פאר א גרויסער צאָהל מענ־שען. איהר האָט אמאָל גוט געזאָגט, אז עס שטעקט מעהר גליק אין לעבען מיט׳ן גאנצען פייער פאר איין מענשען, איידער מיט איינצעלנע פונקען פאר דער גאנצער מענשהייט.

וועגען מיר אליין איז ניטאָ פון וואָס זיך צו בעאונרוהיגען. דער דאָקטאָר זאָגט, אז איך קען ווערען בעסער, אויב איך זאָל נאָר וועלען.

דאָ איז ביי מיר אקאָרשט געוועזן אראָן. ער האָט מיר גע־בראכט פון זיין אפטייק א פלאש אָדע־קאָלאָן. איך האָב דערויף בעמערקט ווי ער ווערט גאָר ניט מיעד בריינגענדיג מיר דאָ רפואות, דאָ עפעס אנדערעס.

— „פאר א י י ך מיעד ווערען? קיין מאָל ניט!" האָט ער אויסגערופען.

— אייביג ניט?

— „אָה, אייביג וועט איהר מיך ניט דארפען".

— איך האָף אז ניט...

— „געווים. איהר וועט געזונד ווערען“.
— אָדער — אייביג לעבט מען ניט...
— „קיינער ניט“.
— א טרייסט פאר די וואָס שטארבען.
— „איהר רעדט פון טויט ווי פון א שפאס“.
— ווי פון לעבען. איך וואָלט וועלען אָנקומען גלייך אין גיהנם: דאָרטען מוז זיין פרעהליך.
— „איך וועט מען ניט אריינלאָזען אהין. איהר האָט ניט געזינדיגט“. —

און דאָקטאָר לואי זאָגט, אז איך האָב צופיעל געזינדיגט, טאַקע דערמיט וואָס איך האָב ניט געזינדיגט. זינדיגען הייסט לעבען, און מען איז ווערטה שטריינג בעשטראָפט צו ווערען פאר ניט אויסנוצען די וועניגע מעגליכקייטען פון לעבען.

הייסט עס, אז איך האָב גאָר ניט געלעבט? —

טרויעריג. — נאריש.

י. ליליען.

83.

נ. י., מאי 16.

איך האָב ערהאַלטען אייער בריעף. (אראָן האָט אונז שוין פריהער מיטגעטיילט פון אייער קומען). קומט, אונזערע טירען זיינען אָפען פאר אלעמען. מיר וועלען א ל ע זיין צו הויז. אויף אונז וועט פערשאַפען פערגעניגען אייך צו זעהען.

יהודית ליליען.

84.

מאי 23, 1909*)

עס וואָלט בעסער געווען איהר זאָלט צו אונז ניט קומען. איהר וואָלט פערשפּאָרט צו ליידען פון מיין קאַלטער בענעהמונג, און איך — צו זעהן פאר זיך דעם, וואָס איז אמאָל געווען פאר מיר אלעס און איצט — גאָרנישט.

אייער קומען האָט אייך גערעכט געמאַכט אין אלעמענס אויגען. איהר האָט אלעמען געוואונען אויף אייער זייט. איך האָב כמעט קיינעם ניט, א חוץ זיך. אָבער כל זמן איך בין מיט זיך, האָב איך זיך פון אייך ניט געוואָלט בעהאַלטען. פערקעהרט, איך האָב אייך געוואָלט בעגעגענען מיט א שמייכעל...

ניין, מיין האַנד האָט ניט געציטערט אין אייערער. מיין שטימע איז געווען קלאָר. איך האָב זי אליין געהערט.

איהר האָט זיך געענדערט. די צייט האָט אָבגעווישט יענע דינע, צאַרטע שטריכען פון געזיכט. די אמאָל־שעהנע, ארויפגעהויבענע ווינקלען פון מויל, האָט זי אין פעראומערטע קנויטשען אראָבגעלאָזט — אָבער איהר זיינט נאָך רייצענד און בעגעהריש, און איך פיהל מיך אי שטאָלץ, אי נידערשלאָגען אין אייער אנוועזענהייט...

איהר האָט גערעדט פון לעבען, גליק און צוקונפט — ווי בלאַס אָבער איהר זיינט געוואָרען, ווען איהר האָט טיפער אריינגעקוקט אין מיינע אויגען! וואָס האָט אייך אין זיי דערשראָקען?..

איך וויל אייך מעהר ניט זעהען. זוכט מיך ניט צו בעגעגענען. רופט ניט ארוים מעהר קאַלטע שמייכלען. זיי פערשאַפען אונז

*) נאָטיצען געפונען נאָך איהר טויט, צוקאָפּענס אין איהר בעט.

בײדען קנאפּען פערגעניגען. איך בין ביטער, איך ווײס. אָבער איך קען שוין אנדערש ניט זײן.

עס איז צו־שפּעט — — —

איך וואָלט ניט געקומען אויף דזשעסי׳ס אײנלאַדונג, ווען איך זאָל געוועזן וויסען, אז איך וועל אײך דאָרטען טרעפען. איך ווײס, אז איהר זײנט ניט שולדיג: דאָס האָט דזשעסי אונז געוואָלט מאַכען א סורפּריז, אונז בײדען פאָרשטעלען פאַר איהרע געסט. איך האָב ניט געוואָלט זײן טרויעריג און ניט געקענט זײן פרעהליך. איך האָב ניט געטאַרט, און דאָך געטרונקען די גלאָז וויין — מיר האָט זיך גענומען דרעהען דער קאָפּ. איהר האָט מיך אונטער׳ן ארים אוועקגעפיהרט אין אַן אנדער צימער, וואו עס איז געוועזן מעהר לופט און וועניגער טומעל. ווען איהר האָט אין דער האַלב־דונקעלקײט אנגעפאנגען שטיל רעדען, רעדען ווי אַמאָל, און האָט בעדעקט מײנע ליפּען מיט קושען — האָב איך זיך ניט געקענט וועהרען... אין ברוסט איז מיר געוואָרען ענג; עפּעס האָט צוגעטראָגען צום האַלז און גענומען ווערגען; אין מויל איז מיר געוואָרען וואַרים... ווען איהר האָט מיט אַ בעטענדען בליק געזוכט אַן ענטפער אויף מײן געזיכט, האָט דאָס בלוט אַ שפּאַר געטהאָן פון האַלז...

איהר האָט דאָס געזעהן — איהר האָט אויסגעזעהן אונגליקליך, און מיר האָט וועה געטהאָן פאַר אײך.

איהר האָט געזאָגט, אז איהר צווײפעלט צי איך האָב אײך ווען עס איז ווירקליך ליעב געהאַט. „אמת׳ע ליעבע“, האָט איהר גע׳טענה׳ט, „פערגעסט און פערגיט אַלעס“.—יא, אָבער צי דען זײנט איהר דער יוסף, וועמען איך האָב געליעבט? אײער צווײפעל בעווײזט, אז איהר זײנט ניט „ער“... ע ר האָט געוואוסט ווי איך האָב געליעבט. ניט געוואוסט האָט ער ווי איך האָב געליטען, ניט פערנומען האָט ער די פּײן פון מײן פערוואונדעט האַרץ, ניט געהערט האָט ער מײן פערצווײפעלטען בעטען און רופען צו איהם — ווײל די בריעף, וואָס זײנען געוועזן נאַס פון מײנע טרעהרען, האָב איך צעריסען. שטיל, אין זיך, האָב איך געטראָגען מײן שמערץ.

אן איינזאַמע, אַ פערצווייפעלטע, בין איך נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה פון מיין גליק...

איך בין געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגען און פאַרביי מיר איז דורכגעלאָפען אַ בילד פון אַמאָל, אין האָטעל פאַר'ן גרעניץ. ער דערצעהלט מיר פון זיך, פון טורמע. ער דערמאָהנט אַניוטאַ'ס נאָמען... געשפאַנט האָרך איך צו זיין שטימע — זי האָט קיין ציטער ניט געטהאָן, און איך האָב בעת מעשה געפיהלט, ווי אין עפּעס אָבגענאַרט...

— „דו ווייסט, מיר וואָלט זיך וועלען ווערן אַן אַנדערע — אַזאַ בלאָנדע, אַ זאָרגלאָז־זינגענדע, און ווי אַ שמעטערלינג אַרויפפליהען צו דיר אָט דאָ לעבען הארצען...“

— „דו — אַן אַנדערע! און וואָס טויג דיר לעבען הארצען, אַז דו ביזט ביי מיר אין הארצען! ד י ך האַלט איך אין מיין הארצען און איך וויל דיך, ניט קיין אַנדערע“.

מיט אַן אינערליכען טריאומפירענדען געשריי וואַרף איך מיך אין די אָרימס פון מיין איינציגען, ליעבסטען, טייערסטען.

— „יהודית, דו ביזט מיינע!“

— „דיינע, יוסף, מיט מיין הארץ און נשמה!“

— „דו האָסט מיך ליעב, יהודית?“

— „שוויג...“ און איך שלים זיינע ליפּען מיט אַ הייסען קוש.

— „רייד, ליעבסטע“.

— „איך קען איצט ניט ריידען. און דו, יוסף, דו קענסט?“

— „ניין, יהודית, איך קען ניט“. —

מיר שווייגען. איך הער זיין שווייגען. עס רעדט צו מיר פון אייביגער ליעבע, טרייהייט און גליק...

אַ טיעף־בעהאַלטענער שרעק איך זאָל אינגאַנצען ניט אָבגעריסען ווערן פון אייך, האָט מיך געטריבען צו ענטפערן אויף אייערע בריעף, פון וועלכע איך פלעג יעדעס מאָל אויף דאָס ניי ענטטוישט

ווערן אין מיין ליעבע. איך האָב מיר געטראַכט, איך וועל ענטפערן, איך וועל אָננעהמען די „פריינדשאפט“, נור איהר זאָלט ניט וויסען ווי טיעף איך לייד. און וואָס שטאַרקער איך האָב געליעבט, (עס האָט זיך געליעבט), אלץ שטרענגער פלעג איך אונטערזוכען מיינע ווערטער עס זאָל זיך אין זיי ניט פער׳גנב׳נען א וואָרט, וואָס קען מיך ארויסגעבען. —

איך האָב געדרעמעלט און מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט, אז איך בין געשטאָרבען... איהר זיינט אלע געשטאַנען ארום מיר און מיך בעקלאָגט. מען האָט אייך צוגפעהירט צו מיין קבר און איבער אונז א שווארצע חופה געשטעלט... איך האָב געוואָלט שרייען און ניט געקענט. איך האָב שטיל געבעטען מען זאָל אייך צונעהמען, ווייל איהר זיינט ניט „ער“, און איך וויל ניט ברעכען מיין ליעבעס פערלאָבונג צו „יענעם“. איהר האָט בעהאַלטען אייער געזיכט אין ביידע הענד. אלע האָבען געקוקט אויף אייך און געוויינט...

ווען איך האָב געעפענט די אויגען, זיינען פון זיי ארויסגעפאַלען צוויי שווערע, קאַלטע טרעהרען — טויטע טרעהרען...

עס געהט אונטער דער טאָג. עס וועט אָנקומען א לאַנגע, שווארצע נאַכט... איך וועל דאָ ליעגען און וואַרטען אויפ׳ן טויט... עס וועט זיך מיר ווידער דוכטען א שווארצע, הויכע פיגור אונטער מיין פענסטער... ווער קען דאָס זיין? — אפשר איהר? אפשר דער טויט?..

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך וויל זעהען דעם הימעל. הויכע ווענט פערשטעלען איהם פון מיר... די זון פערגעהט. זי שפייט מיט רויטע שטראַהלען... מיין זון געהט אונטער — — —

ע נ ד ע.